# בית יעקב

## חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן

7 יאהרגאנג


הארכיון היהודי

# זאל אייער נאמען נישט פעהלען!

עס איז באמת געווען פאר אונז אן אנגענעהמע איבערראשונג, די אנערקענונגס-שטימען, וואס עס האט ארויסגערופען אונזער יובל-נומער.* מיר זענען געווארען אויסערגעוועהנליך געריהרט פון די הארציגע וואונשען, וואס מיר האבען בעקומען אין די הונדערטער פון אונזערע פריינד, פון לייענער און לייענערינס. נאך די 50 נומערן „בית יעקב" טרעטען מיר צו מאראליש געשטארקט און געקרעפטיגט צו דער ווייטערער ארבייט. מיר פאר זיך, גיבען זיך אבער אפ א חשבון, דאס מיר האבען הינטער זיך נאר א שטיקעל התחלה און טאקי דערפאר, וואס כל התחלות קשות, (יעדער אנהייב איז שווער) זענען מיר אפשר שוין דאס שווערסטע איבערגעקומען, הלואי זאל עס אזוי [זיין]!:

ארכיון אסופות

און ווען מיר ווילען יעצט עפיס זאגען אונזערע פריינט, די וואס פערשטעהן שוין אזוי גוט דעם גאנצען ענין פון דער בית-יעקב-ליטעראטור, איז עס לײדער נישט קיין ווערטער פון בלויז פרייד... גראד דער לעצטער יובל-נומער, וואס האט מאראליש אזויפיל דערהויבען דעם כבוד פון דער בית-יעקב-טריבונע, האט אונז, די ארויסגעבער שטארק בעלאסטעט און מיר ערקלערען עהרליך און געוויסענהאפט, אז מאטעריעליש שטעהען מיר שלעכט. גאר שלעכט... אין געיעג ארויסצוגעבען דעם יובל-נומער וואס שענער און אינהאלטסרייכער האבען מיר איבערגעכאפט די מאס און פינאנציעל זיך צופיל אנגאזשירט. דער יובל-נומער האט אונז געקאסט פירפאכיג ווי יעדער נומער און גענומען האבען מיר נאר טאפעלט. מיר געפינען זיך איצט אין זעהר א שווערער סיטואציע. פון איין זייט שטרעבען מיר דעם זשורנאל אלץ כסדר צו פערגרעסערן און וואס מעהר צו בערייכערן דעם תוכן (אויך אין היינטיגען נומער דערקענט מען דאס א ביסעל). מיר ווילען אויך אנהויבען צוריקגעבען די פוילישע ביילאגע, [מיר ווילען וואס גיכער ארויסגעבען דעם זשורנאל יעדע צוויי וואכען, און פון דער אנדערער זייט לעבען מיר איבער א פינאנציעלען קריזיס ווי אמאל אין קריטישסטען פעריאד, מיט יאהרען צוריק...

געשעצטע פריינט! מיר צווייפלען נישט אין אייער איבערגעגעבענהייט און פריינדשאפט צו אונז און דעריבער זענען מיר אזוי אפענהערציג. דורך אייער גוטען ווילען קאן זיך אלץ גיך בעסערן. עס איז אפהענגיג אין יעדען פון אייך, זיך צו בעשטייערן תיכף פאר דער יובל-קייט פון דער בית-יעקב-ליטעראטור. זאל יעדער פון אייך בעין יפה שיקען זיין שפענדע פאר דער יובל-קייט. עס איז א איינמאליגע זאמלונג פון שפענדען פאר די גאנצע זיבען יאהר, וואס מיר שטעהן ביי אזא שווערער און הייליגער ארבייט. זאל זיך אייער פריינדשאפט אמאל, טאקי נאר אמאל אין א יובל אויסדריקען אין א נדיבות'דיגערברייטהארציגקייט.

מיר האבען צו אלע אונזערע לייענערינס און עסקנים דעם פולסטען פערטרויען, איהר וועט אונז נישט איבערלאזט פעראיינזאמט און דורך אייך און מיט אייך, וועלען מיר דערגרייכען בע"ה אונזערע, זיך געגעשטעלטע צילען, וואס זענען אויך אייערע צילען.

טוישט אויס אייער רעדען אויף מעשים, זאל זיך אייער אנערקענונג אויסדריקען אין א תיכף'דיגער מיטהילף;

ניין, מיר וועלען זיך נישט ענטוישען!!!

נומער 52

בעמערקונג: פון קומענדיגען נומער וועלען מיר אנהויבען פערעפענטליכען אלע נעמען פון די וואס וועלען זיך האבען אנגעשלאסען אין דער יובל-קייט — זאל קיינעמ'ס נאמען נישט פעהלען.

---

## לייענט אין קומענדיגען נומער

## „זכרונות פון פרוי גליקל האמעל"

# אין יעדען יודישען הויז מוז זיך געפינען
# „דאס יודישע טאגבלאט"

## דאנקזאגונג פאר די עסקנות, וואס האבען זיך געווידמעט די תרומת-חברה-אקציע אויפן יאהר תר"ץ

לעהרערין קלוגער, פרוי זילבערשטיין, פרל. אלשטיין פרל. דוטקיעוויטש, פרל. קאהן, פרל. פייגענבלאט (לאדז). שרה גזשעבמאכער, עלקא ראטשטיין, שרה זאטארסקא, רבקה עלבוים, הדס מרקוס, און פרל. קלאשער (ווארשא) בנות אגודת ישראל — די נעמען וועלען בקומען בעזונדער (קראקא) רבקה יוסטמאן, לאה לעווענהאף, הענדיל בערקאוויטש, אייזעקאוויטש און פראנק (טשענסטאכאוו) פרוי רחל רובינשטיין, לאה סאלניק, פרוי גוטערמאן און מלכה פוקס (וולאצלאוועק) יהודית ווייסבעקער, (בענדין) פרל. טארנהיים, און פרל. בייטנער (סאסנאוויעץ) חנה מיאטלא און פרל. שרה זימאן (פלאצק) אסתר שטערן און חי' פינקעלמאן (פולטוסק) הינדא גארפינקעל (ראוונא) פראדיל הענע קרישעק (ניי-שטאט) טויבע הענענבערג (כושאנאוו) נעכא בלאדא און גאלדא ראטענבערג (מיעכאוו) ראזענשטיין, ארליק און סקורניק (מאקאוו) בנות-פערוואלטונג (באדזאנאוו) יוטא בראנד (קיערנאזשא) ברכה גאלדשלאג, מיניא גריניעוויטש, ג. פלונסקיר (שערפץ), דבורה גאלדוואסער (טלושץ) גיטל שעראדוקא (דווארט) יוטא ביאלאוויטש (ראטשאנזש) וואלד. ליוועראנד (כמעלניק) מרים טויבע און זעלדא ברעסלער (ווישקאוו) חי' גאסט (באכניא) שטייער און אלבערט (קינצק) צימעט, קריסס, קרענער, יוטא אייפערמאן און רייזל גרינבערג (קאלאמיי) חנה פלוהר (יימאנאוו) שרה שטערן (לאוויטש) חנה שאפירא (טיקטין) בלאסס. עפשטיין און גרינבלאט (פשעדבאזש) פרל. שטאקמאן, פרל. קאדושאל און פרל. שאכטאן (בעלכאטאוו) משיכא און גראמאן (וויעלון) מינדל טרויבע (בלאשקי) זלאטע צענטנער און ראבינאוויטש (פיאסעטשנא) וואלנאוויטש (חיערזבניק) פרל. שאפיר (זשוראמין) פראדיל פעלצמאן (גאסטינין) פרל. פרידמאן (לאסק) רחל צוקערמאן (אלקוש) פרל. קעסלער און פרל. פימשטיין (קלעצק) פרל. זימלער (ביאלא ראווסקא) פרל. ראזען (אסטראוו) פרל. מאנדרא (מלאווא) יוטא האלענדער (לענטשיץ) פרוי שייער און זעלדא אייזנער (לוטאטאוו) שווערדשארף (יאקליקאוו) פרל. ראטענבערג (יאראסלאוו) פרל. זילבערשאץ (וואידיסלאוו) פרל. טארענהיים און פרל. הארמאן (בילגוריי) פרוי רייכעלזאן (פיטלאנש).

די אלע אויבענדערמאנטע אויסגערעכענטע נעמען, ווערען געבעטען צוצושיקען זייערע גענויע אדרעסען ווי אויך די גענויע דייטליכע נעמען און די זעלבע וועלען בעקומען צוגעשיקט די תרומת-חברות-נכבדות (עהרען מיטגלידס-קארטען) צום צייכען פון דאנק און אנערקענונג פאר זייער מיה ביים זאמלען די תרומת-חברות אויפ'ן יאהר תר"ץ. — אין קומענדיגען נומער וועלען מיר געבען די צווייטע ליסטע און דערמיט וועט ווערען

אפגעשלאסען די אקציע פון ת"ח אויפ'ן יאהר תר"ץ. דער פינאנציעלער ס"ה וועט אויך איבערגעגעבען ווערען אין דער עפענטליכקייט, מיט א בעשטעטיגונג פון דער באנק, וויפיל עס איז איינגעפלאסען.

גלייכצייטיג ווערען אויפגעפאדערט אלע ארגאניזאציעס און פערזאנען, וועלכע האבען בעקומען צוגעשיקט די ת"ח ביכלעך זאפארט אפצושיקען די ביכלעך אויפ'ן אדרעס פון צ.ס. און דאס געלט אין דער לאדזער סוחרים קרעדיט באנק פ. ק. א. 65.500. די שטעט, וואס וועלען נישט האבען ערלעדיגט די ת"ח ווערען נישט ארייגעצויגען אין דעם רעגיסטער פון דער בנות בעוועגונג אלס עקזיסטירענדע ארגאניזאציע, ווי עס איז דער בעשלוס פון דעם צווייטען לאנד-צוזאמענפאהר פון „בנות אגודת ישראל".

ארכיון אסופות

## די גרויסע פראפאגאנדע וואך פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען

ווי בעקאנט האט דער לאנד-צוזאמענפאהר פון בנות אגודת ישראל, וועלכער איז פארגעקומען פאריגעס יאהר בעשלאסען דאס אין יעדען חיה"מ דארף פארקומען א פראפאגאנדע רייזע פון אלע בנות-עסקנות. ליידער האט צוליב דער כנסי' גדולה נישט געקענט צושטאנד קומען די פראפאגאנדע רייזע אין חוה"מ סוכות. פארדאס אבער ווערט שוין סיסטעמאטיש ארגאניזירט דער פראפאגאנדע-טור אויפ'ן קומענדיגען חוהמ"פ דער צ.ס. האט אויף אלע איינלאדונגען צו די מיטגלידערינס פון צ.ס. זיך צו בעטייליגען אין פראפאגאנדע-טורנעע שוין בעקומען פאזיטיווע אנטווארטען. עס דעריבער פאראויסצוזעהן, אז דער פראפאגאנדע טורנע וועט זיין געקרוינט מיט גרויס ערפאלג.

פארצוג אויף צו קענען בעקומען א בעזוך האבען די שטעט וואו עס עקזיסטירט א בנות-ארגאניזאציע, אויב עס וועלען נאך בלייבען פרייע קרעפטען, וועלען די זעלבע בעזוכען אויך אזעלכע שטעט ווי עס וויל זיך ערשט גרינדען א בנות-אגודת-ישראל.

# בנות-פיהרערינס

## געדענקט אן אייער הייליגען חוב!

אין די חדשים אדר-ניסן איז אייער הייליגסטע פליכט איינצוקאסירען די מחצית-השקל-שפענדע לטובת די ארטאדאקסישע שולען אין ארץ ישראל —

קיינער זאגט זיך נישט אפ פון צו געהן זאמלען און אליין צו שפענדען פאר דער רעליגיעזער ערציהונג פון יודישע קינדער אין הייליגען לאנד!

ב״ה לאָדז,
אדר תר״צ.
זיבעטער יאָהרגאַנג

№ 52

Łódź,
Marzec 1930
Rok VII

בית יעקב
חודש זשורנאַל

אָרגאַן פאַר אינטערעסען פון בית-יעקב שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פּוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳ (ישעי׳)

אשה יראת ד׳ היא תתהלל (משלי)

# וואָס האָט געגעבען די וואַרשאווער קאָנפערענץ.

(פון אַ געשפּרעך מיט׳ן דירעקטאָר פון דער אַלוועלטליכער „קרן התורה״ צענטראַלע
דר. שמואל דייטשלענדער בעת זיין בעזוך אין אונזער רעדאַקציע)

די קאָנפערענץ פון די ב״י-פערוואַלטונגען אין וואַרשאַ האָט מיך ממש איבערראַשט. דער וואוקס פון אונזערע שולען און בכלל דער אויפשטייג פון אונזער חנוך-הבנות-ווערק במשך די לעצטע 5 יאָהר, זינט דער ערשטער קאָנפערענץ, האָט זיך בולט אָפּגע-שפּיגעלט אין דער קאָנפערענץ, די בעגייסטערונג פאַר די אידעע און דער ווילענס-חשק פון אונזערע עסקנים צו דער אַרבייט גיט די בעסטע גאַראַנטיע, אַז אונזער בעוועגונג וועט זיך וואָס ווייטער אַלץ ברייטער ענטוויקלען.

דאָס וויכטיגסטע וואָס די קאָנפערענץ האָט אונז געגעבען איז נאַטירליך, דאָס שאַפען פון דער ב״י שול אָרגאַניזאַציע. עס פערשטעהט יעדער אַז אַ שול-בעוועגונג איז גוט אָרגאַניזירט און אַרבייט מיט אַ געהעריגען אָרגאַניזיר-אַפּאַראַט, קאָן מען דער-וואַרטען ערפאָלגרייכע מעשים.

די איינטיילונג פון דער צענטראַלער אַרבייט אויף וואַרשא און קראָקאָ בעדייט דאָס פערגרעסערען די קרעפטען פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּעדאַגאָגישער אַרבייט, אויף דיביידע געביטען וועט די קאָנפערענץ בעשטימט האָבען געגעבען אַ גע-העריגען שטויס, בכדי צו פערפאָלקאָמען אונזער שול-ווערק. די קראָקאָווער צענטראַלע, וועלכע האָט אזוי פיל שוין געלייסטעט פאַר דער זאַך, בעקומט אין דער אָרגאַניזאַציע און פינאַנץ-אָפּטיילונג, וואָס געפינט זיך אין וואַרשע, געוויס אַ שטאַרקע מיט-הילף. די פּעדאַגאָגישע אַרבייט פון דער קראָקאָווער צענטראַלע וועט זיך קענען פיל פערברייטערן, זייענדיג פון דער אָרגאַני-זאַטאָרישער אַרבייט אַ ביסעל ענטלאַסטעט.

די קאָנפערענץ האָט גאַנץ בעזונדער געגעבען דעם מוט די עסקנים פאַר׳ן סעמינאַר-בוי די אַרבייט פאָרטצוזעצען. דער אויסבוי פונ׳ם צענטראַל-אינסטיטוט, דער סעמינאַר האָט די קאָנפערענץ נאָכאַמאָל בעשטעטיגט דאָס נחיצות פון תיכף פערענדיגען דעם בנין און די שטימע פון דער קאָנפערענץ אין דער ריכטונג, וועט געוויס געפינען אַ אָפּקלאַנג אין דער ברייטער יודישער וועלט.

די קאָנפערענץ גופא איז געשטאַנען אויף אַ געהעריגער הויך. די קריטיק בעת דער דעבאַטע איז געווען אַ זאַכליכע, די דעלעגאַטען האָבען ווירקליך זיך אָפּגעשטעלט אויף די וויכטיגסטע פונקטען פון דער ב״י אַרבייט. אַפילו דער חשובער דר. ניעמ-צעוויטש האָט אין זיין שאַרפער קריטיק נאָר געזאָגט פּראַקטישעס, אָנגעוויזען אויף פּעדאַגאָגישע פעהלערן, וואָס זענען לייכט און אָפּט מעגליך ביי יעדע שול-בעוועגונג — און בלי ספק וועט דר. ניעמצעוויטש זייענדיג אַ מיטגליד אין נייעם צ. ק. מיטהעלפען פערבעסערן און פערפאָלקאָמען דאָס וואָס עס איז נויטיג.

אַ וויכטיג פּראָבּלעם איז פאַר אונז לויט מיין מיינונג איצט די פראַגען פון דעם, וואָסאַרע ווייטערע ערציהונג מען גיט די קינדער וואָס ענדיגען די ב״י פאָלקס-שולען. דאָס איז גאַנץ בע-זונדער נוגע די ב״י-שולען מיט לימודי-חול אין די גרעסערע שטעט, איך מיין, אַז דער בעסטער וועג וועט זיין אין די גרויסע צענטרומס צו גרינדען קאָמערץ און ווירטשאַפטס-שולען. נאַטירליך מיט אַ געהעריג ענטשפּרעכענד פּראָגראַם, און דערביי אויך זאָרגע פאַר דער ווייטערדיגער רעליגיעזער אויסבילדונג.

איך בעטראַכט פאַר פאַלש און פאַר אומנוצליך דאָס איבער-בען סתם גימנאַזיאַלע בילדונג, די קינדער וואָס [illegible] אונזער פאָלקס-שול. דער געיצג נאָך מאַטורא איז אייגע[נטליך] דאָך נאָר אַ מאָדע זאַך... ווען מען בעטראַכט ווי אַזוי עס ז[עהט] אויס דער מצב פון אַקאַדעמיקער אין אייראָפּא בכלל, ווי ס׳ הונגערט די אַקאַדעמישע יוגענד אין די טויזענטער אין בערלין, וויען, לאָנדאָן. ווי אַזוי מעדיקער וואַרטען אויף אַ פּאַציענט, אַדוואָקאַטען געהט אויס די נשמה ביז עס קומט אַ קליענט און בכלל דער איבערפלוס פון אַקאַדעמיש געבילדעטע מענשען, קומט מען אומעטום שוין צו דער איבערציינונג, אַז דאָס האָט נישט קיין נוצען פאַר פרנסה, מיר דאַרפען אַלזאָ דעם געדאַנק פלאַנצען, אַז מען דאַרף נישט יאָגען זיך נאָך בילדונג לשם בילדונג בכלל און אַז ביים בילדען די יוגענד דאַרף מען אויך דער עיקר אין זין האָבען די תכלית-פראַגע.

לויט מיין מיינונג וועט זיין דאָס פּראַקטישסטע צו גרינ-דען אין די גרעסערע שטעט קאָמערץ-שולען און מיט אַ גע-העריגע ווירטשאַפט-אויסבילדונג און ווי דאָס לאָדזער שול-קוראַטאָריום האָט מיר איבערגעגעבען, זענען זיי גרייט שוין בקרוב דאָס צו שאַפען — נו, וועט טאַקי לאָדז האָבען געמאַכט די התחלה.

וואָס שייך די אַרבייט פאַר ב״י אין אויסלאַנד, אַרבייט זעהר ענערגיש איצט הרב טובי׳ האָראָוויץ אין לאָנדאָן און די פּערדינסטפולע פרל. ראָזענבוים אין דייטשלאַנד. די יעצטיגע געלט-זאַמלונגען געהן בעיקר צו קענען פערענדיגען דאָס בנין פון סעמינאַר, ווייל אינ׳ם פערענדיגען דעם סעמינאַר, איז איבער-הויפּט אָפּהענגיג די ענטוויקלונג פונ׳ם גאַנצען בית-יעקב-ווערק.

איך וויל נאָך צוגעבען — פערענדיגט דר. דייטשלענדער — אַז איהר קאָנט דרייסט זאָגען אונזערע אידעאַלע לעהרערינס, אַז אייער זשורנאַל „בית-יעקב״ האָט מען פיל, זעהר פיל צו פערדאַנקען דעם ערפאָלג פון אונזער אַרבייט און איך וויל האָפען, אַז דעם זשורנאַל „בית יעקב״ וועט דאָך געגעבען ווע-רען די מעגליכקייט צו שאַפען זיך אַ זיכערן קיום, און וועט וואָס גיכער קענען ערשיינען יעדע וואָך, אויב נישט לפחות יעדע צוויי וואָכען — זאָלען די פריינד פון דער ב״י אידעע דאָס נישט גרינגשעצען!..



בית יעקב-לודז/גליון 052 a/שנה ז/הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 3 מתוך 24

# ערשטע קאנפערענץ פון די בית-יעקב-שול-פערוואלטונגען איז ווארשא

.ונטאָג י"ח שבט האָט זיך אין וואַרשא געעפענט די ערשטע קאָנפערענץ פון די ב"י שול-פערוואלטונגען. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען א דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער ב"י צענטראלע אין קראָקאָ צוזאמען מיט דער חינוך-צענטראלע ביי דער „אגודת ישראל" אין וואַרשא. פיל ענערגישע אַרבייט האָט ביים צונויפ-רופען די קאָנפערענץ געלייסטעט דער לייטער פון דער חנוך-..אַלע „חירב" ר' אלכסנדר זושא פרידמאַן נ"י.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 220 דעלעגאַטען פון 18ן שטעט און פיל אָנגעזעהענע חנוך-עסקנים. די וועלט-צענטראַלע פון „קרן התורה" האָט רעפּרעזענטירט דער דירעקטאָר דר. שמואל דייטשלענדער פון וויען. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין לאָקאל פון דער וואַרשאָיער ב"י שול טוואַרדא 35.

6 אַזייגער געהט ארויף אויף דער טריבונע ה' פרידמאַן און האלט ..ורצע עפענונגס-רעדע וועלכער ער גיט א ..ערבליק איבער דער ..טעהונג פון דער גוטער..ווענגג זייט ..- גרינדונג פון דער ..שטער ב"י שול דורך ..די שענירער ביז'ן ..נטיגען טאָג. דער ..עדנער רעדט אויך ..ום די פּערספּעקטיווען ..ן די ב"י שולען אויף ..הבא און ווייזט אָן אויף דעם בעדייט פון דער היינטיגער קאָנפערענץ, אויף וועלכע עס לייגען פיל האָפנונגען אלע וואָס זענען פּערזאנטע-רעסירט אין וואוקס און ענטוויקלונג פון די אָרטאָדאָקסישע פרויען-שולען. ה' פרידמאַן ליינט אויך פאָר אַ ליסטע פון אַ פּרעזידיום, וועלכע ווערט פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָנגענומען איינשטימיג. אין פּרעזידיום ווערען געוועהלט: הרב יצחק מאיר לעווין, דר. דייטשלענדער (וויען) משה דייטשער, אשר שפירא (קראָקאָ) דר. נעמצעוויטש (גראָדנאָ) די רבנים פין גאלין און רעמבערטאָוו, י. פּשעפּיורקא, ש. ב. ראָטענבערג, מ. א. ראָזענשטראָך (וואַרשא) לאַוויק י. מ. העבער (קאַליש) מ. קאַמינער (וואַרשא) מ. י. ווערדיגער (יענדזשעוו) ה. שלעזינגער (ווענגראָוו) און אַלס סעקרעטאַרען די ה"ה א. ג. פרידענזאָן און מ. הייטנער.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער הרב יצחק מאיר לעווין, וועלכער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם חילוק פון דער קאָנפערענץ ביז אַנדערע קאָנפערענצען. מיר האָבען דאָסמאָל — זאָגט דער פאָרזיצער — אַ אַרבייטס קאָנפערענץ און עס איז צו האָפען, אַז די איצטיגע קאָנפערענץ וועט שטעהן אויף דער הויך פון איהר אויפגאַבע, אַלס ערציהונגס-קאָנפערענץ און אַלע אנטייל-נעמער וועלען זיך אָפּגעבען אַ דין וחשבון פון מיטצווירקען, פאָר דער לעזונג פון די פערשידענע פּראָבלעמען, וואָס שטעהן אויפ'ן סדר-היום פון די ..ען. דער פאָרזיצער בעגריסט אויך צום סוף פון זיין האַרציגער רעדע די קאָנפערענץ, אין נאָמען פון דעם צ.ק. פון דער אגודה אין פוילען.

עס בעגריסען דאַן די קאָנפערענץ: הרב קאַנאַל — אגודת הרבנים און וואַרשאַווער ראַבינאַט; י. אייזענבערג — הנהלת הראשית פון צא"י אין פוילען, ה. אלבעק — בית-יעקב-שול טוואַרדא 35, א. ג. פרידענזאָן — רעדאקציע „בית יעקב זשורנאַל" און ה' שצופּאַק אין נאָמען פון צ. ק. „פּועלי אגודת ישראל" א.א. עס ווערען פאָרגעליינט אַ רייהע בעגריסונגען פון פיל אגודה-פיהרער, שולען און אָרגאַניזאַציעס.

נאָך די בעגריסונגען האַלט דר. שמואל דייטשלענדער זיין רעפעראַט א.ד.ט

## די פיהרער פון דער וועלט-אגודה
### ביי דער בית-יעקב-קאָנפערענץ



רבי יעקב ראָזענהיים
(פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער אגודה-אָרגאַניזאַציע)



דר. שמואל דייטשלענדער
(דירעקטאָר פון דער אַלוועלטליכער „קרן התורה" צענטראַלע)

## „די בית-יעקב-אידעע אין דער גרויסער וועלט"

דאָס וואָס איך וויל אייך דאָ זאָגען — הויבט אָן דר. דייטשלענדער זיין אינטערעסאַנטען רעפעראַט — איז נאָר אייך צו מוטיגען אין דער שווערער אַרבייט, וואָס פאַלט אויס גראָד אין אַזאַ שווערער צייט. ווי עס זאָל נישט זיין, קאָנען מיר שטאָלץ זיין אויף דער אָפּגעטהונער אַרבייט במשך די לעצטע 5 יאָהר און איך וויל אייך נאָר ברענגען אַ גרוס פון דער גרויסער וועלט, ווי אַזוי מען בעציהט זיך צו דער ב"י בעוועגונג. איך וועל גאָרנישט מגזם זיין זאַגענדיג באַלד פון אָנהויב, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז מיט אונז און ווייזט אַרויס גרויס פערשטענדניס פאַר אונזער צרציה;נגכ-ווערק. די סבה צום אינטערעס פאַר אונזער זאך איז אפילו זעהר אַ טראַגישע, אַ טיף שמערצליכע. אין פאַריז. בערלין, לאָנדאָן און נוי-יאָרק, קוקט מען זיך אַרום אויף די גרויסע פערלוסטען פון דער יודישער יוגענד. ווען מען נעמט אין דער האַנט אַ יודישע צייטונג פון פוילען נאָכן ערשטען מאי, און מען זעהט ווי אַזוי די יודישע יוגענד און יודישע מיידלעך טאַנצען מיט אויף דעראָזיגער שמחה, וועלכע פערענדיגט זיך תמיד טראַגיש, איז עס שוין גענוג אין די ווייטסטע ליבעראַלע קרייזען אַרויסצירופען סימפאַטיע צום בית-יעקב...

עס איז גענוג צו דערמאָנען סאָוויעט-רוסלאַנד, וואָס דאָרט געהט פאָר, די גאַנצע אייראָפּעאישע וועלט ציטערט שוידערליך ווען מען דערמאָנט ווי אַזוי עס זעהט דאָרט אויס די ערציהונג... די ברייטסטע יודישע קרייזען גיבען זיך אָפּ אַ דין וחשבון דערפון, וואָס עס האַלט אַזוי טרויעריג מיט דער יודישער מאָראַלישער און רעליגיעזער ערציהונג. אין מיין בוך צו דער כנסיה גדולה איבער דער ערציהונגס-פראגע, האָב איך שוין אין בולט'ע ציפערן אָנגעוויזען אויף דער סכנה, וואָס עס דראָהט דעם גאַנצען יודישען פאָלק, אין דער צייט ווען אַמאָל זענען 95 פּראָצענט


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי



# דאָס פּרעזידיום פון דער „בית יעקב" קאָנפערענץ

1) משה דייטשער 2) מ. הייטנער 3) י. ל. אָרלעאַן, 4) אָשר שפּירא 5) י. מ. לעווין 6) י. מ. העבער 7) א. ג. פרידענזאָן 8) דר. ל. נעמצעוויטש 9) א. ז. פרידמאַן 10) ל. פיינגאָלד

קינדער ערצויגען געוואָרען מיט שמע-ישראל אויף די ליפּען, קען מען היינט אפילו פאַר זיכערע 50 פּראָצענט נישט גאַראַנטי-רען. אויך אין אַמעריקא האָט דער פערשטאָרבענער לואי מאַרשאַל ערשט פאָריגעס יאָהר ערקלערט, אַז מעהר ווי העלפט יודישע קינדער ווערען ערצויגען אָהן רעליגיע לימוד... דאָס איינציגע לאַנד אַלזאָ וואָס קאָן אונז נאָך געבען אַ ביסעל האָפנונג איז פּוילען און ווען חלילה מיר זאָלען אויך דאָ פערלירען, פער-שטעהט די גאַנצע יודישע וועלט, דאַן איז דאָס יודישע פאָלק האָפנונגסלאָז...

עס האָט געפינען אַ אָפּקלאַנג די אידעע פון ב"י אין דער גרויסער וועלט. מען פערשטעהט אין די וויטסטע יודישע קיבוצים, אָפּצושאַצען די גרויסע טרייסט וואָס עס איז פאַר אונז, פאַר גאַנץ ישראל די רעליגיעזע טעכטער ערציהונג און גרויסע האָפ-נונגען לייגט מען אויף די יונגע מוטיגע קעמפערינס און ער-ציהערינס, די פּיאָנערינס, די אידעאַלע לעהרערשאַפט פון דער ב"י שול.

מיט בעדויערן מוז מען אָבער פעסטשטעלען, אַז די עפענטליכע יודישע מיינונג, זאָגט וועגען דער גאַנצער זאַך נישט קיין גוט וואָרט. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די יודישע פּרעסע, צי געפינט איהר אין די וואַרשאָווער יודישע צייטונגען דערמאַנט אַ וואָרט וועגען דער היינטיגער קאָנפערענץ? פאַר-וואָס שווייגען זיי? די זעלבע פּרעסע פערשווייגט דאָך אויך, אַז אין פּוילען זענען פערהאַן „יודישע" שולען וואו מען לערנט מיט די קינדער שוין נישט קיין שמע ישראל. וואָלט מען דאָס אין אויסלאַנד געוויסט, וואָלטען דאָך די שולען נישט בעקומען קיין איין פעניג... די משולחים פון די פרייע שולען אין אויסלאַנד רעדען אויס כל דבר אסור, אויף אונזערע שולען און ווי ווייט דאָס דערגעהט קאָן מען זעהן דערפון, וואָס אין דער צייט ווען די בערלינער יודישע קהלה האָט פאָריגעס יאָהר בעשטימט סובסידיעס פאַר „תרבות" און ציש"א האָט מען די בקשה פאַר ב"י אָפּגעוואָרפען. אויך דער „דזשוינט" ווערט כסדר געהעצט געגען אונז.

טראָצדעם אַלעם דרינגט דאָך אַריין אונזער געדאַנק אין פיל ערטער, אַזוי איז אונז געלונגען אין פערשידענע לענדער, צו שאַפען בית-יעקב-קאָמיטעטען פון מענער און פרויען. די פּאָרזיצערין פון וועלט-פרויען פערבאַנד פרוי ראַבינער קאהוט אַרבייט זעהר פיל פאַר אונזער זאַך. זי האָט פערעפענטליכט אַרטיקלען אין 60 יודישע צייטונגען וועגען דער ב"י אַרבייט.

דר. דייטשלענדער גיט דאַן אַ וויטערדיגען פּלאַן פון דעם, וואָס עס דאַרף און וועט געטהון ווערען פאַר בית יעקב און ענדיגט זיין רעפעראַט מיטן וואונש, אַז עס זאָל זיך אויס-בויען בית יעקב אַלס שטאַרקע שול-אָרגאַניזאַציע און דאַן איז אונזער וויטערדיגער ערפאָלג גאַראַנטירט.

(שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען)

דער פאָרזיצער דאַנקט דעם חשוב'ען רעפערענט פאַר זיין רעפעראַט און גיט איבער דאָס וואָרט דעם בעקאַנטען עסקן און אונערמידליכען טהוער פאַר דער ב"י בעוועגונג דעם גצוו. סענאַטאָר ה' משה דייטשער צו זיין רעפעראַט א.ד.ט.

## „די בית-יעקב-אַרבייט במשך די לעצטע 5 יאָהר"

דער רעפערענט גיט אַ אוינפיהרליכען איבערבליק איבער דעם וואָס עס איז פאַר דער בית-יעקב-שול דערגרייכט געוואָרען במשך די לעצטע פינף יאָהר.* ה' דייטשער ווייזט בעזונדערס אָן אויף די גרויסע לייסטונגען פון דער קראָקעווער צענטראַלע און רעדט ארום די פערשידענע מניעות וואָס עס זענען פערהאַן, בכדי די ב"י בעוועגונג צו קענען בערברייטערן און פערשטאַר-קען. דער רעדנער ווייזט אויך אָן אויף די פליכטען פון די יודישע קהלות, אָרטאָדאָקסישע פינאַנץ-אינסטיטוציעס ווי בענק וכדומה, וועלכע דאַרפען מיט אַלע כוחות שטיצען די ב"י בעוועגונג. דער זעהר אינטערעסאַנטער רעפעראַט פון ה' דייטשער איז אויסגעהערט געוואָרען מיט גרויס אינטערעס און די קאָנ-פערענץ האָט דעם חשוב'ען עסקן וואַרים אַפּלאָדירט. (די אויספיהרליכע רעדע פון ה' דייטשער וועלען מיר געבען בעזונדער).

נאָכדעם בעקומט דאָס וואָרט שול-דירעקטאָר ה' י. ל. אָרלעאַן צו זיין רעפעראַט א.ד.ט.

## „די פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען פון אונזער שול"

דער רעדנער זאָגט אין זיין איינלייטונג, אַז ער מיינט נישט דאָ צו בעריהרען פּעדאַגאָגישע פראגען וואָס האָבען אַ שייכות צו דער לעהרערשאַפט גופא, נאָר אַזעלכע פראַגען, וואָס זענען קודם-כל נוגע די פערוואַלטונגען בכלל און דעם קיום פון דער שול אַלס דאָס ערשטע וויכטיגע פּראָבלעם בעטראַכט דער רעדנער איז די לעגאַליזירונג פון די שולען. די צענטראַ-לע לייטונג דאַרף זיך בעמיהען, אַז די לעהרערינס, וואָס ענ-דיגען דעם סעמינאַר זאָלען האָבען רעגירונגס-רעכט אַלס רע-ליגיאָנס-לעהרערינס. עס מוז אָרגאַניזירט ווערען אַ געהעריגער אינספּעקטאָריאַט, וואָס זאָל די שולען אָפט בעזוכען.

היות די היים שפּילט נישט מעהר די ערציהונגס-ראָל פון אַמאָל — זאָגט וויטער דער רעדנער -- מוזען אין יעדען אָרט אויך זיין פרעבל-שולען, בכדי אַז דאָס קינד זאָל פון די יונגסטע יאָהרען אָן שוין זיך געפינען אין דער שול. עס מוז דעריבער געזאָרגט ווערען, אַז ביים סעמינאַר זאָל אויך געשאַפען ווערען




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אַ קורס פאַר פרעבעליסטנס. דאָס רעאַליזירען די פרעבעל-שולען מוז פערנעמען אין אונזער אַרבייט אַ וויכטיג אָנגעזעהן אָרט.

די בעציהונגען פון די פערוואַלטונגען צו דער לעהרערשאַפט מוז זיין אַזעלכע ווי עס פּאַסט פאַר אונזערע אידעאַלע לעהרערינס, צו וועלכע עס איז נישטאָ קיין פערגלייך אין קיין שום שול-בעוועגונג. דאַן רעדט ה' אָרלעאַן אַרום אַ רייהע טעכנישע און פּראָגראַמאַטישע פראַגען פון דער שול און ווייזט אָן דערויף, אַז במשך די לעצטע 5 יאָהר האָט זיך די בעוועגונג אַזוי שטאַרק צוואַקסען, דאָס עס מוז זיין אַ געהעריגער אַפּאַראַט די שולען אויסצובויען און פערפאָלקאָמען. צום סוף פון זיין רעדע לייגט פאָר דער רעדנער אַ רייהע פערשידענע פאָרשלאַגסרעזאָלוציעס, וואָס נוגע דער פּעדאַגאָגישער אַרבייט פון די ב״י שולען.

ה' אָרלעאַנ'ס רעדע וועלכע האָט בעריהרט די אָנגעוועהטאָגסטע פּראָבלעמען אין דער ב״י אַרבייט, איז אויסגעהערט געוואָרען זעהר אויפמערקזאַם און איז געוואָרען דער יסוד פאַר דער שפּעטערער זאַכליכער דעבאַטע.

### די דעבאַטע

נאָך די רעפעראַטען האָט זיך אָנגעהויבען די גענעראַלדעבאַטע איבער די געהאַלטענע רעפעראַטען, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט פאָלגענדע דעלעגאַטען: הרב טשאַרנאָטשאַפּקא (גאַלין) ה' מרגליות (גריצא) מארגענשטערן (וויערזבניק) איידעלמאַן (פּיאָטעטשנא) ראָזענבערג (זשיכלין) ברייטשטיין (לאָוויטש) פּראַק (מיעכאָוו) ווייגאַרטען (טשעכאַנאָוו) רובינשטיין (נאָשעלסק) ווינער (סאָכאַטשעוו) הענדעלעס (וואַרשאָ).

אין דער דיסקוסיע האָבען די רעדנער זיך אַרויסגעזאָגט צוו. אַנד. וועגען פאָלגענדע ענינים: 1) עס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אַ קול-קורא פון די גדולי ישראל, דאָס די פרומע יודען זאָלען שיקען זייערע קינדער אין בית יעקב. 2) עס זאָלען געשאַפען ווערען פרעבעל שולען 3) עס זאָלען געגרינדעט ווערען פרויען-קאָמיטעטען אויף צו שטיצען די שולען 4) מען זאָל אַכט לייגען ביים למוד אין די שולען אויף צו פלעגען די יודישע מדות ביים קינד. 2) די לעהרערינס זאָלען אַזוי אויסגעבילדעט ווערען, אַז זיי זאָלען קענען זיין די גייסטיגע פיהרער פון דער פרויען-יוגענד. 6) עס זאָל איינגעפיהרט ווערען אין די שולען דער למוד פון העברעאיש. 7) די ב״י צענטראַלע זאָל פיהרען אַ פערשטאַרקטערע אַרבייט צו קענען גרינדען נייע שולען און בעדינען ווי געהעריג די שוין עקזיסטירענדע. 8) עס זאָל געזאָרגט ווערען פאַר אַ פערברייטערונג פון דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע בכלל און ב״י זשורנאַל און קינדער-גאָרטען בפרט. 9) עס זאָלען קענען אָרימע קינדער געניסען אין די גרעסערע שטעט אין די ב״י שולען. 10) די צענטראַלע זאָל שטעהן אין אַ אָפטען קאָנטאַקט מיט די שולען, דער לעצטער רעדנער אין דער דעבאַטע ה' בנימין וואָלף הענדעלעס (וואַרשא) שטעלט זיך גאַנץ בעזונדער אָפּ אויף דער גרויסער ראָל פון דער פרעסע אין דעם פאַמיליען לעבען און אונטערשטרייכט די וויכטיגקייט פון אריינפיהרען אין יעדען הויז, וואו עס זענען פערהאַן קינדער פון אַ רעליגיעזער שול נאָר די איינציגע אָרט. צייטונג „דאָס יודישע טאָגבלאַט״.

נאָך אַ קורצע הפסקה נעמט איצער דעם פאָרזיץ לאַווניק י. מ. העבער (קאַליש) און די קאָנפערענץ וועהלט אויס אַ פערמאַנענץ-קאָמיסיע פון פאָלגענדע פערזאָנען: עלבינגער. רעד. א. מ. ראָגאָזי, אָרלעאַן, אלבעק, פרידמאַן, יאקובאָוויטש (וואַרשאָ). וויינבערג (שידלאָוויעץ). וויצמאַן (בענדין). האבערמאַן (זאַוויערטשע) פערלגער (טשענסטאָכאָוו) ווייגאַרטען (קויל) מינצבערג (אָסטראָוו) אַלבערט (קינצק) בערלינער (סקיערניעוויץ) ראָזענבערג (פולטוסק) שוואַרצמאַן (שעדלעץ) שטשערזינסקא (זגיערזש) איידעלזאָן (פּיאָסעטשנא) גאָלדבערג (ליפּנא) דייטשער און שאַפּירא (קראָקאָ) פיינגאָלד און פרידענזאָן (לאָדז).

נאָך די וואַהלען פון דער פערמאַנענץ-קאָמיסיע האַלט דער פאָרזיצער לאַווניק העבער, אַ לענגערע בעגריסונגס-רעדע לכבוד דעם יובל-נומער פון ב״י זשורנאַל און רעדט מיט גרויס בעגייסטערונג וועגען די גרויסע לייסטונגען פון דער רעדאקציע בית יעקב, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער וואַך 7 יאָהר צייט און אונערמידליך געאַרבייט פּראָפּאַגאַנדאָריש און ליטעראַריש פאַר דער ב״י בעוועגונג. דער פאָרזיצער ברענגט צום אויסדרוק אין נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ די דאַנקבאַרקייט, וואָס עס פיהלען אַלע עסקנים צום זשורנאַל און גאַנץ בעזונדער דעם גרויסען יישר-כח וואָס עס פערדינט דער איניציאַטאָר און אַקטיוו טעטיגער ה' פרידענזאָן פאַר דעם זשורנאַל בית-יעקב.

די קאָנפערענץ ענטפערט אָפּ אויף דער רעדע פון דעם פאָרזיצער מיט אַ לאַנג-דויערענדער שטורמישע אָוואַציע און יחי-אויסרופען און דערמיט ווערט 12 אַ זייגער ביינאַכט געשלאָסען די ערשטע זיצונג.

(סוף פון בעריכט אין קומענדיגען נומער)

# די רעזאָלוציעס פון דער בית-יעקב-קאָנפערענץ

## אָרגאַניזאַציע און פינאַנצען

א) כדי צו פערפעסטיגען דעם פינאַנציעלען יסוד פון די בית-יעקב שולען און צו קאָאָרדינירען זייער טעטיגקייט, בעשליסט די קאָנפערענץ צו גרינדען אַ זעלבסטשטענדיגע שולאָרגאַניזאַציע א. נ. „בית יעקב״, וועלכע זאָל אָנפיהרען און פערוואַלטען מיט די שוין עקזיסטירענדע בית יעקב שולען און גרינדען נייע און טהון אלץ, וואָס ס'איז נויטיג כדי צו ערציהען און אויסצובילדען די יודישע יוגענד פון פרויען-געשלעכט אין גייסט פון גלויבען און טראַדיציע.

ב) די אָרגאַניזאַציע „בית יעקב״ מיט אלע איהרע פּראָווינצער אָפּטיילונגען, זאָלען זיין געבויט אויפן יסוד פון מיטגלידער, וואָס זאָלען צאָהלען זייער יעהרליכען מיטגלידס-אָפּצאָהל לטובת דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע וועט אָבער אויך דאַרפען שאַפען אנדערע פאָנדען און הכנסות ווי צב״ש פּריוואַטע נדבות, עפענטליכע זאַמלונגען, געשאַנקען, סובסידיעס, פּושקעס א. ד. גל.

ג) דער מיטגלידס אָפּצאָהל ווערט פעסטגעשטעלט אויף אַ מינימום פון 12 זל. אַ יאָהר, פון וועלכע 80 פראָצ. בלייבען ביי דער אָרטס-גרופּע פאַר איהרע אינסטיטוציעס און 20 פראָצ. זעגען בעשטימט פאַר די צענטראַלע פערוואַלטונגס-אָרגאַנען

ד) די מאכט אָרגאַנען פון די אָרגאַניזאַציע „בית יעקב״ זענען: 1) דער דעלעגאַטען צוזאַמענפאָהר פון די אָפּטיילונגען וועלכער קומט פאָר אַלע דריי יאָהר (אויסער אין נויטיגע פאַלען) און האָט די אויפגאַבע פעסטצושטעלען די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דער טעטיגקייט און צו וועהלען דעם צענטראַלען און אויספיהרונס קאָמיטעט און אַ רעוויזיאָנס קאָמיסיע. 2) דער צענטראַל-קאָמיטעט וואָס בעשטעהט פון 25 פערזאָן און וועלכער האָט די אויפזיכט איבער די טעטיגקייט פון אויספיהר-קאָמיטעט

סוף אויף זייט 21)

# בעטייליגט אייך אין דער מחצית-השקל-אַקציע פאַר ארץ ישראל!

# דאס תורה-לערנען פון דער פרוי

פון מרדכי באוימבערג

איך האָב באמת געמיינט, אַז דאָס תורה „לערנען" מיט אונזערע טעכטער איז שוין אַזוי בערעכטיגט, און איז שוין אַזאַ פערשטענדליכע זאַך, אַז דאָס רעדען דערפון איז שוין גאַנץ איבריג, איז געקומען דער ג. ה' יאַקובזאָהן און האָט אין יובל-נומער פון ב"י, ווידער אפילו נאָר צופעליג, אויפגעפרישט די זאַך; אויב דער דאָזיגער ענין איז נאָך היינט פּראָבלעמאַטיש, געפין איך פאַר ווינשענסווערט פאָרטצוזעצען מיין אַרטיקעל „אַ ענטפער פאַר איינעם און פאַר אַלע", וואָס איך האָב פערעפענטליכט אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע. דאָס אַרטיקעל וואָס האָט פערנומען כמעט אַ האַלבע זייט פון דער טאָג צייטונג „יוד" איז געווען אַ אַנטוואָרט צו אַ פאָטער פון אַ סעמינאַריסטקע, וועלכע איז פון איהם פשוט טעראָרעזירט געוואָרען, ווייל זי האָט געלערנט „תורה" און זיך אויסגעבילדעט אַלס ב"י לעהרערין. איך האָב די פראַגע ברייט און טיף בעהאַנדעלט, און אָנגעוויזען, אַז מיר האָבען פשוט אַ טעות געהאַט, אויב מיר האָבען לכתחלה געמיינט, אַז מען דאַרף ערשט זוכען אַ הכשר אויף אונזערע אַזוי לעבענסנויטיגע בית-יעקב-שולען.

מיר דאַרפען גאָרנישט קלאַסיפיצירען דעם מאמר: „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות", ווי דער ג. ה' יאַקובזאָהן פרובט דאָס טהון, און זאָגט, אַז עס ווענדעט זיך אין די עלטער פון אונזערע טעכטער. ווען עס איז בעקאַנט דער סטיל פון תלמוד דער ווייסט, אַז „תורה" איז אין תלמוד אַ טערמין פאַר תורה שבעל-פה. תורה שבכתב, תנ"ך, ווערט אין תלמוד אָנגערופען „מקרא".

אויף דער זעלבער שטעל פון דעם דאָזיגען מאמר ווערט געזאָגט, אַז אַ פרוי לערנט תורה (אפילו תורה שבעל-פה) בעקומט זי שכר פאַר איהר לערנען. און אַ צווייטער תנא זאָגט „חייב אדם ללמד את בתו תורה". („יעדער איז מחויב זיין טאָכטער צו לערנען תורה"). אויף אַ געוויסע שטעל אין תלמוד ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען שכר-לימוד פאַר מלמדים וואָס לערנען „מקרא" מיט מעדלעך. דערפון זעהען מיר בעשיינפערליך, אַז עס האָבען אין די צייטען פון די חכמי המשנה, עקזיסטירט „חדרים" פאַר מיידלעך.

מיר זעהן, אַז פרויען זענען פערפליכטעט צו זאָגען ברכת התורה, און דער „נודע ביהודה" וויל זאָגען, אַז אויב פרויען האָבען מפסיק געווען אין מיטען לערנען, מוזען זיי נאָכאַמאָל זאָגען די דאָזיגע ברכות. מיר זעהן, אַז אַזאַ אויטאָריטעט האָט גאָרנישט אַנדערש געמיינט און נישט אַנדערש פערשטאַנען, ווי פרויען מעגען עפ"י דין לערנען מקרא.

בכלל זעהן מיר, אַז אין די צייטען פון תלמוד זענען פרויען געווען בעהאַוונט אין עניני תורה, ר' אשי (קדושין) פרעגט: „קענען דען אַלע פרויען לערנען?" פערשטייט מען דאָך פון אַזאַ אַרט פראַגע, אַז פרויען בכלל האָבען יאָ געוויסט צו ענטשיידען אין עניני תורה. אויף אַ צווייטער שטעל (כתובות) זעהן מיר, אַז אַ פרוי האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט איינעם פון די חכמי התלמוד וועגען אַ געוויסען דין און זי האָט גערעדט אין אַ סטיל פון אַ גרויסען תורה-קענער.

עס זענען אונז איבערהויפּט בעקאַנט פרויען פון די חכמי התלמוד וועלכע האָבען געהאַט ברייטע תורה ידיעות, ווי ברוריא, די פרוי פונ'ם תנא ר' מאיר וואָס אויסער איהר חכמה ווי עס ווערט וועגען איהר דערצעהלט; ווערט פון איהר געבּרענגט אַ „נייעס" אין תורה (תוספתא, כלים). די פרוי ילתא פּאָלעמיזירט מיט איהר גרויסען פאָטער דער תנא ר' חנינא בן תרדיון אין אַ תורה אַנגעלעגענהייט, און די הלכה בלייבט אַזוי ווי זי זאָגט. אין תלמוד ירושלמי (חגיגה) ווערט דערצעהלט, אַז געוויסע פרויען האָבען מיט זייערע לאָגישע אַרגומענטען מנצח געווען דעם הייליגען תנא רבינו יהודה הנשיא.

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי

אין ספר „שבלי הלקט" ווערט דערצעהלט, אַז ווען רש"י ז"ל איז אַמאָל קראַנק געווען, האָט זיין טאָכטער אָנגעשריבען די תורה אַנטוואָרטען צו אַלע, וואָס האָבען זיך צו איהם געווענדעט. און תוספות (ברכות) ווערט דערצעהלט, אַז די טעכטער פון רבי אברהם פון אָרלעאַן (אין פראַנקרייך) האָבען צווישען זיך געבענשט מיט מזומן. אין ספר „אור זרוע" ווערט ציטירט תורה מאמרים פון אַ פרוי. אין ספר „לקוטי יושר" ווערט דערצעהלט, אַז די פרוי רעדל די שנור פון מהר"י איסערלין, האָט געלערנט תורה בהתמדה אַזוי ווי אַ מאַנספערשוין.

דער „הרוקח" איינער פון די גדולי הראשונים זאָגט, אַז יין פרוי האָט געקענט גוט לערנען און אין שבת האָט זי דרשות געהאַלטען. אין תשובות-ספר „תשב"ץ" ווערט געבּרענגט אַ אַנטוואָרט פון אַ פרוי אויף זעהר אַ שווערע פראַגע אין אַ תורה אַנגעלעגענהייט, און גלייכצייטיג ווערט געזאָגט, אַז די זעלבע פרוי איז אַ מלומדת אין תורה און זי האָט ערקלערט איניגע שווערע שטעלען אין דער גמרא.

דער מחבר פון ספר מאירת עינים (סמ"ע) ברענגט אַ „נייעס" אין תורה פון זיין מוטער.

ר' פתחיה פון רעגענשבורג דערציילט, אַז די טאָכטער פונ'ם ראש ישיבה אין באגדאד, איז קלאָר געווען אין מקרא און אין תלמוד, און נאָכמעהר זי האָט געלערנט אַ „שיעור" מיט בחורים, זיצענדיג אין אַ בעזונדער צימער, און זי האָט מען גאָרנישט געזעהן נאָר געהערט איהר תורה דורך אַ אָפען פענסטער. אַזאַ עהנליכע זאַך דערצעהלט ר' שלמה לוריא (מהרש"ל), איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט: זיין באָבע, די רבנית מרים האָט געפיהרט אַ ישיבה, זי איז געזיצען אונטער אַ פאָרהאַנג און געלערנט מיט בחורים מופלגי תורה.

איך קען נאָך אָנווייזען אויף אַ סך פרויען פון די פריהערע און אויך פון די לעצטע צייטען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע תורה קענטנישען, און איך וועל עס איה"ש נאָך טהון אַ אַנדער מאָל.

## אַבאָנירט דעם בית-יעקב-זשורנאַל אויפן צווייטען האַלבען יאָהר תר"ץ

## נייע אַבאָנענטען שטאַרקען און בעקרעפטיגען דאָס ליטעראַטור-ווערק פון דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-בעוועגונג

די וואָס וועלען נישט איינצאָהלען דעם אַבאָנאַמענט, וועלען דעם פסח-נומער נישט בעקומען.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# מיר און די פעלקער

פון **אליעזר שינדלער**, מינכען

די אומות-העולם האָבען צו יודען און יודישקייט אַ סך טענות...

דעם גוישען אַטעאיסט און כופר-בעיקר זענען די יודען אַ צו פרום פאָלק, אזוי האָט למשל דער פערשטאָרבענער דייטשער דיכטער ריכהאַרד דעמעל, ער איז אפילו דווקא נישט געווען קיין שונא-ישראל, זיך שטאַרק געבייזערט אויף די דייטשע יודען און געהאַט אויף זיי גרויס תרעומות, פארוואָס זיי ווערען נישט קיין פריידענקער... פאר זייער עקשנות, האָט דעמל געזאָגט, פאַרדינען די דייטשע יודען „מען זאָל זיי שיקען צו אלדי רוחות, דאָס הייסט קיין פּאַלעסטינע"...

דעם גוישען מאַמין זענען די יודען צו אפיקורסיש, זיי די פרומע קריסטען וואַרפען אונז כסדר פאָר ברוך שפינאָזאן, היינען דעם אָפּלאכער, קאַרל מאַרקסן, מאַקס נאָרדויען דעם מחבר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים" פרוידען, איינשטיינען וכו׳. און די גלויביגע קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען אין דייטשלאַנד, פּערענטפּערן זייער שנאה צו יודען מיט דעם, וואָס יודען זענען רחמנא ליצלן אויסטערלישע צושטערער. זיי זענען אלע הייליגקייטען מחרף און מגדף, און זיי טייטלען כסדר מיט די פינגער אויף די גרויסע צאָהל יודען, וואָס געפונען זיך אין די לינקע מחנות, אין די אנאַרכיסטישע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער און מלוכות..

פון דעם פרומען תורה-און מסורה-געטרייען יודישען פאָלק, וואָס פיהרט שוין זינט צוויטויזענד יאָר אָן אָהן-הפסקה׳דיגען עקשנותדיגען קאַמף קייגען זיינע „אויפגעקלערטע זין" ווייסען, אָדער ווילען די דאָזיגע „חסידי-אומות-העולם" די מערב-אייראָפּעישע קריסטענהייט נישט וויסען... זיי האָבען נאָר תמיד פאַר זייערע אויגען די לינקע מנחם-מענדלס אונזערע, די קאָמיסאַרלעך און שרייערלעך מכל המינים... פאַרגעסען אָן דער מוסר-בעוועגונג מיט ר׳ ישראל סאַלאַנטאר בראש, אָן חסידות מיט זיינע גרויסע פיהרער אָן דער מערב אייראָפּעישער אָרטאָדאָקסיע מיט ש״ר הירש און הילדעסהיימער, אין דער עולים-בעוועגונג מיט ד״ר נתן בירענבוים׳ס מסירת-נפש׳דיגען קאַמף פאר דעת, רחמים און תפארת...

דעם גוישען אידעאַליסט זענען מיר יודען צו עולם-הזה׳דיג, דעם גוישען מאַטעריאַליסט צופיל הימלמענשען... נאַפּאָלעאָן איז נתפעל געוואָרען פון אונזער „אשכ״ר חיצי מדם" און אַנדערע ווען אונז קיינמאָל נישט מוחל זיין דעם גוי: נתתי למכים... (מיין גוף האָב איך געגעבען צו די שלעגער).

עס וואָלט געוואָרען אַ צו גרויסע רשימה ווען מיר זאָלען דאָ ווען אויסרעכנען די אַלע טענות וואָס די בני עשו האָבען צו יעקב׳ס קינדער. כמעט יעדער גוי קומט דאָך מיט זיין אייגענעם „ישנו עם אחד". — חוץ לזה האָבען מיר דאָך שוין אויף יעדער טענה זייערע. כמה וכמה פעמים געענטפערט, אָנהויבענדיג פון יוסיפוס ענטפער צו אַפּיאָנען האַלטען מיר דאָך אין איין ענטפערן... אין די גרויסע מערב אייראָפּעישע ביבליאָטעקען געפונען זיך דאָך אַ היבשע צאָל מיט יודישע פארטיידיגונגס שריפטען. כמעט יעדער ראַבינער אין מערב אייראָפּע און מעבר-לים האָט עס געהאַלטען פאר זיין הייליגען חוב אָנצושרייבען אַ חיבור קייגען אַנטיסעמיטיזם... נאָר די דאָזיגע ספרים האָבען קיין גרויסע פעולה נישט געהאַט, די גאַנצע אפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור אונזערע איז געווען און וועט מסתמא ווייטער זיין אַ ברכה לבטלה... די גוים ווען

מיט אונז קיינמאָל נישט צופרידען זיין, אונזער נוסח איז נישט זייער נוסח אונזער סיגנון—נישט זייער סיגנון. אַלס גלות-פאָלק, אַלס עם הנודד קומט אונז אויס זייער אָפט צו בייטען אונזערע וואוינערטער, וואו נעמט מען אזוי פיל ענערגיע אָפט צו ענדערן אונזער התנהגות און לעבענסשטייגער און זיי צוצופּאַסען צום גייסט און גונסט פון די פילע פעלקער און שבטים, צווישען וועלכע מיר געפונען אַ מקום מקלט?.

וואָס איז דערפון געדרונגען? מיר מוזען דער עיקר זעהן אונזערע אמת׳ע פעלער און מיאוסקייטען, סיי די וואָס מיר האָבען בירושה, סיי די וואָס מיר האָבען זיך אויסגעלערנט ביי אונזערע שכנים, עוקר מן השורש צו זיין פון אונזער מחנה, נישט כדי מיר זאָלען נושא חן זיין ביי די גוים, נאָר כדי אונזער יודיש לעבען גופא זאָל ווערען ריינער שענער און גראַנדיעזער... כדי מיר זאָלען ווערען דאָס וואָס השי״ת האָט פון אונז פערלאַנגט, אַן עם-קדוש און אַ ממלכת כהנים. — — —

## * אָנָא בְּכֹחַ!

האָר! מיט דער קראַפט פון דיין גרויסער רעכטער,
מאַך פריי די געבונדענע!
פאַרנעם דיין אומה׳ס לויבגעזאַנג,
דערהויבענער! שטאַרק און ריינינ אונז!

די פאָרשער פון דיין איינציגקייט,
שטאַרקער! ווי דעם אויגאַפּעל באַהיט זיי!
בענטש און ריינינ זיי! דערבאַרעם דיך איבער זיי!
שוינען זאָל זיי שטענדיג דיין גערעכט גקייט!

שטאַרקער! הייליגער! זאָלסט דיין עדה שטענדיג
מיט דיין גרויסער גוטסקייט פיהרען!
איינציגער! דערהויבענער! צו דיין פאָלק
זאָלסטו דו דיך אייביג ווענדען,
צו די געדענקער פון דיין הייליגקייט!

פאַרנעם אונזערע תפלות אונזער געשריי.
דו קענער פון אַלע סודות און פאַרבאָרגענישען!

פריי איבערגעזעצט
אליעזר שינדלער, מינכען

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

# אסתר׳ס שטאָלצע שווייגען און רעדען...

פון **הרב אברהם אייזענבערג**

זעהר שווערע לעבענס-נסיונות איז אויסגעפאַלען אויף אסתר׳ן. אַלס טרייע יודישע טאָכטער, וועלכע זי האָט גלענצענד אויסגעהאַלטען, אסתר׳ס ווירדיגע און אמת יודיש-שטאָלצע האַל־טונג, איהר מסירת-נפשידיגער טרייהייט צו איהר תורה און פאָלק, דאַרף דינען אַלס מוסטער פאַר אונזער יודישע שוועסטער.

*

פאַר די קיילעכדיגע יתומה אסתר, האָט זיך געעפענט גייע הערליכע לעבענס-פערספעקטיוועַן, פאַר אסתר׳ס נאָהנטע צוקונפט איז געשטאַנען גרייט רייכטום און גליק, וואָס נאָר אַ מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך אויסמאָלען. אסתר מיט איהר אויסזעהן און אינטעליגענץ איז בעצייכענט געוואָרען אַלס די איין-און-איינ־ציגסטע קאַנדידאַט ן, צו ווערען די פרוי פון דעמאָלס׳דיגען מעכ־טיגסטען הערשער אחשורוש. עס האָט נאָר געפעהלט איין קליי־ניגקייט, צו וויסען איהר יחוס, פאָלק און אָפּשטאַמונג. און שוין וואָלט די קעניגליכע קרוין בעצירט אסתר׳ס קאָפּ, אָבער דאָס קלייניגקייט איז פאַר אסתר׳ן אַ בעזונדער גליק געוועזן, ווייל דורכ׳ן פערשווייגען איהר פאָלק און אָפּשטאַמונג וועט זי פטור ווערען— אַזוי האָט זי געהאָפט — פון פרעמדען גליק און זי האָט דערי־בער לויט׳ן פערלאַנג פון מרדכי׳ן נ שט אויסגעזאָגט איהר פאָלק און געבורט, „אין אסתר מגדת את עמה ואת מולדתה" און אויב עס איז אפילו שמערצליך פאַר אסתר׳ן וועלכע ליבט און שעצט איהר תורה און פאָלק, מיט די גאַנצקייט פון איהר ריינער נשמה, אָבער דעמאָלט האָט זי גראָד אין דעם שווייגען געזעהן אַ מיטעל נישט צו אַסימילירען זיך מיט אַפרעמד פאָלק, עס איז אסתר׳ן פיל ליבער און אַנגענעהמער צו פערבלייבען אין די אָרעמס פון איהר ליב יודיש פאָלק, איידער צו טראָגען פרעמדע קרוינען און ווערען בעעהרט מיט פרעמדען כבוד און גלאַנץ, און אין דעם שווייגען, אין „אין אסתר מגדת" איז געוועזן בעהאַלטען דער העכסטער נישט געפעלשטער כבוד ישראל, און דער אמת׳ער אָרגינעלער יודישער נאַציאָנאַלער שטאָלץ צו פראָקלאַמירען.

*

נישט ווייניגער גלענצענד אויסגעהאַלטען האָט אויך אסתר דעם שווערערען און לעבענס-געפעהרליכען עקזאַמען פון רעדען, ווי דאָס איז געוועזן ביי דעם מאָל-צייט, ווי זי האָט אָפענהערציג און שטאָלץ ערקלערט איהר פאָלקס אָנגעהעריגקייט „כי נמכרנו אני ועמי", אין דער צייט ווען דאָס שטאָלצע שווייגען האָט זי נאָר מוותר געוועזן אויף דער קעניגליכער קרוין, אויף רייכטום גליק און פראַכט, האָט זי ביי דעם שטאָלצען רעדען ריזיקירט מיט איהר לעבען, וויפ ל הייסע ליבע צו א פאָלק דאַרף מען האָבען צו ערקלערען, אַז איך בין אַ קינד פון דעם פאָלק, אויף וועלכען מען האָט אַזוי פיל געמיינע רכילות׳ן אויסגעטראַכט. המן האָט דאָך אין די שוואַרצעסטע פאַרבען געשילדערט די שעדליכקייט פון זייער תורה און מצוות „ודתיהם שונות מכל עם" אויף דער שעדליכקייט פון דעם יודישען פאָלק אין געזעלשאַפטליכען לעבען „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים", „ואת דתי המלך אינם עושים". און די גיפטיגע פיילען האָבען זייער ציל געטראָפען, דער אַרגומענט, אַז „ולמלך אין שוה להניחם" האָט זיין ציל שוין דערגרייכט און אחשורוש האָט אַרויסגעגעבען זיין שוידער־ליכען דעקרעט „להרוג ולאבד ולהשמיד את כל היהודים", ווי העסליך האָט דאַן אויסגעקוקט ווער עס האָט דעם נאָמען „יוד" געטראָגען, נאַטירליך, ווי מען קוקט אויף פערברעכער אויף וועל־כע מען האָט אַרויסגעטראָגען אַ טויט אורטייל פאַר זייערע שענד־ליכע און שווערע פערברעכענס און אָט אין אַזאַ קריטישען און שווערען מאָמענט קומט אסתר און רעדט... „כי נמכרנו אני ועמי" אויך איך אסתר-המלכה בין אַ קינד פון דעם פאָלק, אויף וועלכען מען האָט אַזעלכעס שרעקליכעס געזאָגט, אויך איך טראָג אויף מיר זיינע פעהלערן — אויב עס עקזיסטירט נאָר ביי זיי אַזעלכע — און אויב זיי ווערען אַזוי שטרענג בעשטראָפט פאַר זייער „פערברעכן" פון געהערען צום אייביגקייט׳ס און תורה פאָלק דאַרף דער שטרענגער אורטייל אויך מיך נישט מיידען, ווייל איך בין זייער קינד, פרעה זיך מיט זייערע פריידען און לייד מיט זייערעליידען, „אני ועמי".

*

הארכיון היהודי

אסתר מיט איהר גליקליכען אויסהאַלטען די שווערע לע־בענס נסיונות אַלס שטאָלצע מסירת-נפש׳דיגע יודישע טאָכטער, דאַרף פאַר אונז דינען אַלס ביישפּיל און אונז לערנען דעם זין פון די ווערטער וואָס מען רופט „כבוד ישראל" און נאַציאָנאַל פאָלקס-געפיהל", נישט שטענדיג דאַרפען זיי ווערען הויך און רעקלאַמיש אויסגעשריגען, בפרט ווען אין זייערע הויכע „נאַציאָ־נאַלע" קלאַנגען הערט זיך אַ ווידערשפרוך צו די אָרגינעלע יודי־שע פאָלקס הייליגטימער און טראַדיציעס, מען טאָר אָבער קיינמאָל אין דער וועלט זיך נישט בעהאַלטען מיט „יוד" און „יודישקייט". ווען דאָס ריהרט אָן אונזער קיום, אונזער הייליגע גרונד-פרינציפען פון אונזער תורה, מצוות און איהרע לעבענס אַנשויאונגען, דאַן דאַרף מען זיך פעלזענפעסט צוזאַמענהאַלטען פעסט און ענטשלאָסען, הויך און שטאָלץ אָהן שום פשרות און קאָמפּראָמיסען ערקלערען פייערליך — פונקט ווי די גרויסע און שטאָלצע אסתר המלכה — איך מיט מיין פאָלק, אני ועמי...

---

ליטעראַטור איז אַ וויכטיגער רעגירער אין דער וועלט פון בעסערען גייסט.

לאָמיר אַלזאָ אויסנוצען דעם „דאָזיגען אונגעהויערן פאַקטאָר לטובת דעם פערבעסערען און פערשטאַרקען דעם ריינעם גייסט פון ישראל סבא אין דער יודישער גאַס.

ארכיון אסופות

**שליסט אייך דערום אָן בנדיבות׳דיג אין דער יובל-קייט צום גיבסטען פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור! אַזוי אַרום העלפט איהר מיט ביי דער פערשטאַרקערונג און פער־שענערונג פון אונזער מסורה־טרייער ליטעראַטור!!!**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון a 052 הודפס מתוך הארכיון היהודי

הרב דר. מיכאל הכהן זצ״ל

# צי איז שיילאק א יוד?

## (די שיילאק-לעגענדע אין מיטעלאלטער)

אין דער וועלט-ליטעראַטור געפינען זיך צוויי ווערק, וואָס האָבען דעם געוואַלדיגסטען אינטערעס פאַר אונז יודען. איינס פון זיי שילדערט דעם יוד אין די העלסטע ליכטיגסטע פאַרבען פון גוטסקייט און טאָלעראַנץ און דאָס צווייטע — אין די שוואַרצסטע פינסטערסטע שאָטנס פון אַ מענש, אַ טייוועל אַ בלוט-צאַפּער, וואָס וויל נאָר זעהן דאָס בלוט פונ׳ם קריסט. דאָס ערשטע ווערק איז לעסינג׳ס „נאַטאַן דער ווייזע״ און דאָס צווייטע — שעקספּיר׳ס „שיילאָק״. און ביידע זענען ריזען-ווערק, וואָס וועלען נאָך גאַנץ לאַנגע צייטען געשטעלט ווערען אויף דער סצענע פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער.



הרב דר. מיכאל הכהן זצ״ל
(באזעלער רב)

אָבער אונז אינטערעסירט דאָ בלויז שעקספּיר׳ס „שיילאָק״. דאָס דאָזיגע ווערק, ווען עס ווערט געשטעלט אויף דער סצענע און דער קריסטליכער צושויער זעהט פאַר זיך דאָס גרויזאַמע בילד פון דעם יודישען וואוכערער שיילאָק, וועלכער פאָדערט אַ פונט בלוט פאַר זיין חוב, שאַפט זיך ביי איהם אַ מיינונג. אַז אַזוי איז טאַקי דאָס יודישע פאָלק, און דאָס אומגליק איז נאָך וואָס דאָס דאָזיגע טעאַטער-שטיק ווערט נאָך, ווי מ׳זאָגט, זעהר לאַנג געשטעלט ווערען, אויף דער בינע, וואָרום, שעקספּיר איז אַ דיכטער, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגען זיין צייט, און זיינע ווערק וועלען נאָך לעבען אין אַ סך דורות. שעקספּיר האָט געמאַכט אַ גייסטיגע רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור, און ביז׳ן היינטיגען טאָג בעמערקט מען נאָך זיין השפעה, און דעריבער איז ער שטענדיג יונג, שטענדיג פריש און שטענדיג ניי. און אָט דער נאָמען פונ׳ם גרויסען דיכטער האָט צו אונזער אומגליק גענומען אַ קלאַסישען טיפּ פון אַ בלוטיגען וואוכערער, וועלכען ער האָט קאָפּירט אַלס יוד און איהם געגעבען אַ יודישען נאָמען.

איך דערמאַן זיך אַן אַנעקדאָט פון אַ גרויסען אונגאַרישען גראַף, וועלכער איז געקומען צו אַ בערימטען מאַלער, אַז ער זאָל איהם מאַלען אַ פּאָרטרעט פון זיין פאָטער, וועלכער געפינט זיך ווייט ערגיץ אין אַ אַנדער לאַנד.

— ווי קאָן איך אייך מאָלען דאָס בילד פון אייער פאָטער — האָט דער מאַלער געזאָגט — אַז איך האָב איהם קיינמאָל נישט געזעהן, און האָב איהם איצט אויך נישט פאַר די אויגען.

— דאָס שאַדט נישט — האָט דער גראַף געענטפערט — איך וועל אייך זאָגען ווי אַזוי ער זעהט אויס, וואָס פאַר אַ אויגען און האָר ער האָט, ווי הויך און דיק ער איז, ווי זיין נאָז און שטערן זעהט אויס, און איך וועל אייך נאָך צוגעבען אַ שענע מטבע, וועט איהר עס שוין מאַכען.

דער מאָלער האָט מסכים געווען און ער האָט גענומען מאָלען דעם פּאָרטרעט לויט די אָנווייזונגען פונ׳ם גראַף. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום קומט ער מיט׳ן פערטיגען בילד צום גראַף און גיט עס איהם איבער.

ווען דער גראַף האָט דערזעהן דעם פּאָרטרעט, האָט ער אַ געשריי געטון: ג-ט מיינער, ווי מיין פאָטער האָט זיך דאָס פערענדערט?

עפּעס ענליכעס געשעהט אויך מיט אונז, ווען מיר דערזעהן דאָס זעהר פאַלש געצייכענטע בילד פון דעם יוד שיילאָק.

מיר קאָנען נישט פערשטעהן דעם גרויסען דיכטער פאַר-וואָס ער האָט אונז אַזוי אונריכטיג געשילדערט און אונז געגעבען אַזעלכע כאַראַקטער-שטריכען וואָס זענען ביי אונז בכלל נישטאָ.

אָבער אַנדערש האָט טאַקי נישט געקאָנט זיין! שעקספּיר האָט די יודען אינגאַנצען נישט געקענט. דאָס שטיק איז אָנגעשריבען געוואָרען צווישען די יאָהרען 1594 און 1598, און פון יאָהר 1290, אַלזאָ מיט גאַנצע דריי הונדערט יאָהר פריהער, ביז דעם יאָהר 1660 האָט זיך קיין יודישער פיס נישט געטאָרט געפינען אין ענגלאַנד. לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען, האָט שעקספּיר זיך קיינמאָל נישט צוזאַמענגעטראָפען פנים אל פנים מיט אַ מענש וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען יוד, און די מעלות און חסרונות פון יודען האָט ער נאָר געקענט בלויז פון הערען. שעקספּיר האָט אויך געוויזען, אַז די יודישע געשיכטע איז איהם אויך אינגאַנצען אומבעקאַנט. צום סוף פון פירטען אַקט ווערט שיילאָק׳ן געשענקט דאָס לעבען און אַ טייל פון זיין פערמעגען מיט׳ן תנאי, אַז ער זאָל זיך שמד׳ן, און ער האָט דערויף מסכים געווען. אַ זאַך וואָס שטעהט אין אַ פולער סתירה צו דער דעמאָלסדיגער יודישער עפּאָכע אין שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און אַנדערע לענדער וואו הונדערטער און טויזענטער יודען האָבען זיך געלאָזט פערברענען אויפ׳ן פייער פון דער אינקוויזיציע און נישט געוואָלט אָננעמען זייער קריסטליכען גלויבען.

אָבער דאָס אַליין קאָן אונז גאָרנישט נוצען אינ׳ם קאַמף געגען אַזא הוילער פערזענליכקייט ווי שעקספּיר, מיר זענען דאָ אין דער בחינה פון דעם אָנגעקלאָגטען, וואָס דאַרף בעווייזען זיין אונשולד, אָבער נישט זיך בעגניגענען בלויז מיט דעם וואָס ער ווייזט אויף, אַז זיין אָנקלאָגער איז נישט גערעכט.

מיר מוזען דעריבער צוגעהן היסטאָריש צו דעם אורשפּרונג פון דער שיילאָק-געשיכטע און דאַן ערשט וועט מען קענען מאַכען אַ קריטישען אנאליז פון שעקספּיר׳ס שילדערונגען, צי זיי זענען ריכטיג אָדער נישט.

דער ספור המעשה פון דער שיילאָק-געשיכטע איז אין קורצען אַזוי:

דער דיכטער שילדערט אונז דאָס לעבען פון די יונגע קריסטליכע אַריסטאָקראַטען אין וועניציע. ער ווייזט אונז אַ גרופּע לעב-יונגען וואָס פיהרען אַ הפקרדיג זאָרגלאָז לעבען, און קלערען נישט וועגען מאָרגענדיגען טאָג, איינער פון די דאָזיגע יונגעלייט, באַסאַניאָ איז פערטרינקען אין אַ ים פון חובות, און דער איינציגער אויסוועג, ווי אַזוי צו דעקען די חובות איז נאָר חתונה האָבען מיט אַ רייכער כלה.

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פורים „טאקא"

מיט פיל יאָהרען צוריק האָט אין דער הייליגער שטאָט „חברון" רעגירט א פּאַשאַ, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער מענש, אַ געלד-גייציגער מיט גרויסע אַמביציעס.

אַמאָל האָט דער פּאַשאַ ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די יודען פון חברון זאָלען איהם געבען פופציג טויזענד גולדען, און אויב זיי וועלען נישט ברענגען די בעשטימטע סומע אין דער בעשטימטער צייט, וועט ער לאָזען פערברענען די אָנגעזעהענסטע לייט פון זיי און די איבריגע וועט ער פערקויפען פאַר שקלאַפען. די יודען פון חברון זענען געווען אין יענער צייט זעהר אָרים און זיי האָבען נישט געהאט קיין מעגליכקייט צונויפצושטעלען אַזאַ גרויסע סומע. האָבען זיי געטראַכט אַן׳עצה און מ׳האָט בעשלאָסען, אַז די רבנים פון דער געמיינדע זאָלען גיין צו דער „מערת המכפלה" און דערציילען די „אבות הקדושים" וועגען דער שלעכטער גזרה און אויסגיסען פאַר זיי זייער ביטער האַרץ.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָנגעשריבען זייער בקשה אויף אַ פּאַפּיר, האָבען זיי בעצאָהלט עטליכע גולדען דעם שומר וועלכער האָט בעוואַכט דעם איינגאַנג פון דער הייל, אַז ער זאָל נעמען זייער קוויטעל און עס אַראָפּלאָזען מיט אַ שטריק ביז דער מערת המכפלה, ווייל אויך די ישמעאלים וואגען נישט אריינצוגיין דאָרטען און צו טרעטען אויף דעם הייליגען אָרט. דער שומר האָט געטהון אַזוי ווי זיי האָבען איהם געהייסען און ער האָט גלייך אַראָפּגעלאָזט דאָס קוויטעל אין דער הייל.

ביי נאַכט, ווען דער פּאשא איז איינגעשלאָפען, האָט ער דערשפּירט ווי עמיצער וועקט איהם, איז ער באַלד אויפגעקומען און דערזעהן פאַר זיך דריי אלטע לייט פון א הערליכען אויסזעהן, וועלכע שטעהען מיט שארפע בליקען און פאָדערן פון איהם, אַז ער זאָל זיי געבען פיפציג טויזענד גילדען, און אויב ער וועט נישט געבען וועלען זיי איהם באַלד הרג׳נען. דערזעהענדיג זייערע צאָרנדיגע פּנים׳ער איז דער פּאַשאַ זעהר דערציטערט געווערען, מיט טויט-שרעק און מיט גרויס אייליגקייט איז ער גיך אַראָפּגעשפּרינגען פון זיין בעט, אַרויסגענומען פון׳ם געלד קאַסטען די סומע וואָס זיי האָבען פון איהם געפאָדערט, אַריינגעלייגט דאָס געלד אין אַ כאַש און עס איבערגעגעבען צו די אלטע לייט.

צומאָרגענס, גאַנץ פריה, האָבען זיך אלע יודען פון דער שטאָט פערזאמעלט אין בית-המדרש אריין צו זאָגען „תהלים" און צו בעטען צו ג—ט, ווייל זיי האָבען געמיינט, אַז ס׳איז שוין געקומען זייער סוף... און ווען די זון האָט אָנגעהויבען אויפצושיינען, איז דער שמש פון׳ם בית המדרש אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און בעמערקט, אַז אויף איינעם פון די פענסטער ליגט א געלד-בייטעל. האָט ער געעפענט דעם בייטעל און געזעהן ווי ער איז פול מיט גאָלדענע מינצען...

מיט אַ בליץ-שנעלקייט און מיט גרויס שרעק איז דער שמש צוריק אַריינגעלאָפען אין בית-המדרש, און איבערגעגעבען דעם בייטעל מיט געלד צום ראש הקהל. האָט דער ראש הקהל איבערגעציילט דאָס געלד, איז געווען פונקט פופציג טויזענד גילדען, נישט מעהר און נישט וויניגער.

אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען דער הויפטמאַן פון׳ם פּאַשאַ מיט א גרויס חיל און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שרייען: געלד! געלד! פופציג טויזענד גולדען גיט אהער און װען נישט וועט מען אייך אלע אויסהרג׳ענען! האָט דער ראש-הקהל גענומען דעם בייטעל מיט געלד און איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון׳ם הויפּטמאַן. איז דער הויפּטמאַן מיט׳ן חיל אַרויסגעגאַנגען פון׳ם בית-המדרש און זיי האָבען אָפּגעטראָגען דאָס געלד צום פּאַשאַ. ווען דער פּאַשאַ האָט דערזעהן דעם בייטעל מיט׳ן געלד, האָט ער באַלד דערקענט, אַז דער בייטעל איז זיין אייגענער, און אויך די מינצען וואָס געפינען זיך אין איהם זענען די זעלבע וואָס ער האָט ביי נאַכט אויסגעציילט צו אומבאַקאַנטע אַלטע לייט, וואָס זענען צו איהם אַריינגעקומען אין דער צייט ווען ער איז געשלאָפען.

דאַן האָט דער פּאַשאַ פערשטאַנען, אַז די אַלטע לייט וועלכע האָבען ביי איהם גענומען דאָס געלד, זענען געווען די הייליגע אבות, אברהם, יצחק, און יעקב, וואָס זיי קומען צו העלפען די יודען אין יעדער עת צרה, און פון יענעם טאָג אָן און ווייטער האָט ער שוין מעהר נישט געטהין קיין שלעכטס צו יודען.

ביז׳ן היינטיגען טאָג פייערן די ספרדי׳שע יודען פון דער שטאָט חברון דעם דאָזיגען טאָג און זיי רופען איהם: פּורים-טאקא, ווייל אויף אַראַביש רופט מען אַ „פענסטער"—טאַקא, און דער בייטעל מיט׳ן געלד איז געפונען געוואָרען אויפ׳ן פענסטער פון׳ם בית-המדרש.

בעארבייט פון בנימין זוסמאַן

# אַ קינדער-מעשה׳לע

## רויטע בלומען

דער פּראָשאָוויצער „בית-יעקב"-שול געשאָנקען.

— קינדערלעך, אויף די ערטער! רוהיג, שטיל, אָט אַזוי... איצט הערט אַ מעשה׳לע וואָס כ׳וועל אייך דערציילען.

א מעשה׳לע פון רויטע בלומען.

אַמאָל בין איך געגאַנגען שפּאַצירען הינטער וועגס, פּלוצלינג האָב איך אַ גאָרטען דערזעהן, אַ גרויסער, שיינער גאָרטען, אינעווייניג איז געשטאַנען אַ גערטנערין, זי האָט געגאָסען וואַסער פון אַ בלאַכערנעם זייער, פּערטראַכטערהייט, אויף יונגעטשקע בלומען.

אַך! ליבע קינדערלעך. ווען איהר זאָלט וויסען, ווי די בלומען האָבען געשמעקט, איך בין שיער שכור געוואָרען, פון זייער זיסען ריח, ס׳האָט ווייניק געפעהלט...

זיי זענען געווען אַזוי רויט און שיין, אַזוי שטאָלץ און ליבליך-צאַרט, ווייך, און דאָזאַ-צניעות׳דיג בעשטראַלט, אַז איך בין נבהל ומשתומם געוואָרען.

בין איך מיר אַזוי געשטאַנען און צוגעקוקט.

פּלוצלינג, דערזעה איך, אַז דאָס וואַסער וואָס גיסט זיך פון׳ם זייער, איז גאָרנישט קיין וואַסער, נאָר בלוט, איהר הערט? בלוט איז עס גאָר געווען.

אַ ווינדערליכע זאַך.

האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטען, בין צוריקגעגאַנגען און געפרעגט די גערטנערין אַזוי:

— זאָג מיר דו ווינדערליכע גערטנערין, אַז דו גיסט אַרויס דיין גאַנץ בלוט, טאָ ווי-זשע לעבסטו?

— פון די דופּטיקע געשמאַקען — וואָס עס גיבען פון זיך אַרויס די בלומען, דערפון לעב איך און טהו זיך דערנעהרען, בשעת איך זעה ווי עס בליהען אויף, דורך מיין האַנט, פּרעכטיקע רויזען, ליליען-שלאַנקע, פילפאַרביגע-פּיאָלקעס, בונטע כריזאַנטעמען, בלויע צאַרטע אַנעמאָנעס, וואָס צועפענען זייערע פּ לע, שהחינו׳דיגע באָרדאָ-סאַמעטענע בעכערלעך, אַנטקעגען פרומע, צאַרטע, לבנה-שטראַהלען, און אָט פון די דאָזיגע רייף-צייטיגע בשמים׳דיגע ריחות, וואָס די גאַנצע סימפאָניע-בלומען געבען פון זיך אַרויס — דערפון טאַקי בעקום איך מיין בלוט צוריק...

אַזוי האָט מיר די גערטנערין געענפערט.

איצט זאָגט ליבע קינדער די בעדייטונג פון דעם קליינעם מעשה׳לע, אויב איהר וועט דאָס וויסען, וועל איך אייך ווייטער דערציילען.:.

יואל פיינער



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# קרייז-קאָנפערענץ פון בנות-אגודת-ישראל אין פולטוסק

דינסטאָג און מיטוואָך ו' און ז' שבט איז פאָרגעקומען אין פולטוסק אַ קרייז-קאָנפערענץ פון די בנות-אָרגאַניזאַציעס אין יענער געגענד. עס האָבען זיך בעטייליגט קרוב 80 דעלעגאַטינס פון 15 שטעט.

פון גאַנץ פריה אָן האָט די שטאָט בעקומען איום-טוב'דיג אויסזעהן, יעדער אויטא האָט געבּרענגט פרישע געסט, וועלכע עס האָבען מקבל פנים געווען די בנות חברות און בית-יעקב-תלמידות. אינמיטען טאָג איז אויך אָנגעקומען דער לייטער פון צ. ס. ה' פרידענזאָן, וועמען עס האָט אויפגענומען אַ קאָמיטעט פון די אגודה-חברים.

## פאַר - קאָנפערענץ

הארכיון היהודי

פאַרמיטאָג איז אין בית יעקב לאָקאַל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ פאָרקאָנפערענץ אויף וועלכע עס זענען ארומגערעדט געוואָרען אַלע פּרטים, וואָס איז נוגע דער פיהרונג און דער טאָג-אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ. די הויפּט-איניציאַטאָרין פון דער קאָנפערענץ פרל. בתיה נאשעלסקא, האָט בעריכטעט איבער די הכנות, וואָס זע'ען געמאַכט געוואָרען און אָנגעוויזען אויף דעם, וואָס מען ערוואַרט פון דער קאָנפערענץ.



קרייז-קאָנפערענץ פון בנות-אגודת-ישראל אין פולטוסק (ו' ז' שבט תר"ץ)

## די פייערליכע ערעפנונג

5 אַ זייגער בייטאָג האָבען אָנגעהויבען אָפּמאַרשירען אין געשלאָסענע רייהען דעלעגאַטינס און געסט צו דער פרויען-זאַהל, וואו די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען. דער זאַל איז געווען הערליך דעקאָרירט מיט געהעריגע אויפשריפטען.

ביי אַ געשפּאַנטער שטימונג האַלט אַ פייערליכע אינהאַלטסרייכע רעדע פרל. נאשעלסקא. די רעדנערין פערבינדט איהר געדאַנקען רייכען רעפעראַט מיט'ן פּסוק פון דער סדרה פון „החודש הזה לכם" און ויקחו להם איש שה לבית. און ווייזט אָן דערויף, אַז דאָס יודענטום איז דער „שה פזורה" אָבער דעמאָלט ווען די קינדער פון ישראל געהן געשלאָסען מיט'ן בית אָבות, דאַן איז דאָס יודישע פאָלק פערזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ. מיט פערשידענע פּסוקים פון מאמרי חז"ל רעדט נאָך ארום די חשובע רעדנערין דעם אַ דעאַל פון „בנות אגודת ישראל" און ווייזט אָן אויף די צילען פון דער קרייז-קאָנפערענץ, וועלכע זי רופט אָן כנסי' לשם שמים און פערענדיגט איהר גייסטרייכע רעדע מיט דעם אויסרוף „בבנינו ובבנותינו נלך". אַלע אנוועזענדע הערען אויס דעם רעפעראַט מיט גרויס שפּאַנונג און בעגלייטען איהרע אינטערעסאַנטע אויספיהרונגען מיט שטורמישע אָוואַציעס.

נאָך דעם נעמט איבער דעם פאָרזיץ פרל. דאַן (אָסטראָוו-מאַזאָוו.) און לאַדענט איין צום פּרעזידיום פאָלגענדע פּערזאָנען: נאשעלסקא, גוטערמאַן, דירעקטאָר (פולטוסק) פרל. ראָזען (אָסטראָוו) פרל. טויבע און פרל. ליסס (ווישקאָוו) פרל. קוטנער פרוי ראָזענשטיין פרל. אָרליק (מאַקאָוו) פרל. פייערשטיין (פּראַשניץ) פרל. בוים, פרל. מאַלינא. פרל. אָסטרא (טשעכאַנאָוו) פרל. בערלינער (מלאַווא) פרל. פּ"ץ און פרל. קובעל (נאַשעלסק).

פרל. דאַן דאַנקט פאַר דעם צוגעטיילטען כבוד און האַלט דערביי אַ שענע רעדע אין וועלכע זי דערמאָנט אַז די פולטוסקער קאָנפערענץ איז גראָד אויסגעפאַלען אין די טעג, ווען עס קימט פאָר אין ווארשא די אספה פון די צדיקי הדור און דאָס דאַרף פאַר אונז דינען אַלס ביישפּיל — זאָגט פרל. דאַן — דאָס אויך מיר דאַרפען געהן צו הילף דעם כלל ישראל.

פרל. נאשעלסקא לייענט פאָר אַלע זערען אינהאַלטסרייכען בעגריסונגס-בריף פון מרא דאתרא, עהרען-פּרעזעס פון בית יעקב דער פולטוסקער רב שליט"א דער בריף וועלכער איז געשריבען אין זעהר אַ האַרציגען טאָן, ווערט דורך דער פרל. נאשעלסקא איבערגעזעצט אין יודיש. דער בריף ענדיגט זיך מיט פאָלגענדע ווערטער: „חזקו ואמצו בעבודתכן הנעלות ותשאו ברכה מאת ה' ותהי משכורתכם שלימה!" באַלד דערויף ווערט אויך פאָרגעלייענט אַ בריף פונ'ם פּרעזעס פון ב"י קאָמיטעט, פּרעזעס פון דער אגודה אין פולטוסק ה' אברהם זונדל ראָזענבערג. עס בעגריסען נאָך די פולטוסקער רביצין און פרל. טויבע (ווישקאָוו), פרל. אָסטרא (טשעכאַנאָוו) פרוי ראָזענשטיין (מאַקאָוו) פרל. גאָרפינקעל (מלאַווא) פרל. פייערשטיין (פּראַשניץ) נאשעלסקא (אָסטראָלענקא) ווייסעלפיש (נאַשעלסק) שרה קאַראַש (פולטוסקער בתי' - פערבאַנד) פרל. לאַווע (אָסטראָווער בתיה פערבאַנד) פרוי גוטערמאַן (פולטוסקער פרויען-פעראיין) פישמאַן (אָסטראָוו) אָרליק (מאַקאָוו) ביים (טשעכאַנאָוו) בערלינער (מלאַווא).

נאָך די בעגריסונגען הויבען זיך אָן

## די בעריכטען פון די אָרטס-גרופּען.

פון די בעריכטען איז צו זעהן, אַז די טיכטיגסטע אַרבייט אין יענער געגענד ווערט געפיהרט דורך די אָרגאַניזאַציעס פון פולטוסק, מאַקאָוו, אָסטראָוו און מלאַווא. די אָרגאַניזאַציעס אין די איבריגע שטעט האַלטען ערשט אין אָנהויב פון זייער ענטוויקלונג און עס ווייזט זיך ארויס די נויטיגקייט פון אַ ראַיאָן קאָמיטעט, וואָס זאָל די אַרבייט קאָנען שטאַרקער קאָנצענטרירען, בכדי צו פערברייטערן די טעטיגקייט און רעאָרגאַניזירען אויף געזונטע יסודות אַלע דאָרטיגע אָרטס-גרופּען.

ארכיון אסופות

נאָך די בעריכטען האַלט פרל מלכה קוטנער אַלענגערן אינהאַלטסרייכען רעפעראַט וועגען די צילען און אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל". די רעפערענטין רעדט ארום אין איהר אויספיהרליכען רעפעראַט די גרויסע ראָל, וואָס עס האָט תמיד געשפּילט אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל די יודישע טאָכטער און ווייזט אָן דערויף אַז אויך היינט האָט די בת ישראל פאַר זיך גרויסע אויפגאַבען צו ערפילען און די בנות-בעוועגונג איז אייגענטליך אַ פאָרטזעצונג פון דער גרויסער היסטאָרישער מיסיע, וואָס עס טראָגט אויף זיך די יודישע פרוי אין אַלע צייטען. דער רעפעראַט פון פרל. קוטנער נעמט ארום די אידעאָלאָגישע זייט פון „בנות אגודת ישראל" און אין אַ גלענצענדער פאָרם קלערט זי אויף דאָס פּראָגראַם און די אידעע פון „בנות". דער רעפעראַט ווערט

אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און בעשאָנקען מיט לאַנג-דויערנדע אפּלאָדיסמענטען, די ערשטע פייערליכע זיצונג ווערט געשלאָסען מיט אַ שענע דאנקזאגונגס-רעדע. פון פרל. דאַן און דער עולם צוגעהט זיך אין זעהר אגעהויבענער בעגייסטערטער שטימונג.

# די צווייטע זיצונג

די צווייטע זיצונג קומט פאָר מיטוואָך 11 א זייגער אין דער פריה אין לאָקאל פון דער פולטוסקער יודישער קהלה, וואו אין א נעבען צימער געפינט זיך דער מענער-ראט ביי דער פולטוסקער בנות. דעם פאָרזיץ פיהרט פרל. נאשעלסקא.

הי' א. ג. פרידענזאָן בעריכטעט איבער דער טעטיגקייט פון צ. ס. במשך דער צייט זינט די לאָדזער קאָנפערענץ. דער רעדנער ווייזט אָן אויף דער גרויסער שווערער אַרבייט וואָס ווערט געטהון דורכ'ן צ. ס. טראָצדעם וואָס עס זענען פערהאַן גאַנץ קארגע מיטלען און וועניג מעגליכקייטען. די הויפּט-אַרבייט פונ'ם צ. ס. קאָנצענטרירט זיך לעצטענס אויפ'ן געביט פון פּראָפּאַגאַנדאַ און ליטעראַרישער טעטיגקייט. איצט ווידער הויבט זיך אָן אַ נייער קורס אין דער אַרבייט פון צ. ס. צו פערטיפען דעם אינהאלט פון דער בנות-בעוועגונג און פערברייטערן דאָס ארבייטס-פּראָגראם.

דער רעדנער בעווייזט מיט פאקטען און ציפערן איבער דעם אָרגאַניזירונגס-וואוקס פון די בנות אָרגאניזאציעס אין צעהנדליגער נייע פונקטען. דער רעדנער פערזיכערט דאָס געענזייטיג צום פערשטענדניס פון די אָרטס-גרופּען פאר דער צענטראלע, וועט זיך קענען אויסברייטערן די טעטיגקייט פון דער צענטראלע. נאָך דער רעדע פון ה' פרידענזאָן ענטוויקעלט זיך אַ לענגערע דעבאַטע אין וועלכע עס בעטייליגען זיך אַלע דעלעגאטינס און עס ווערט אויסגעדרוקט אַנערקענונג דעם צ. ס. פאַר זיין ארבייט.

נאָכדעם האלט א רעפעראַט פרל. דאַן פון אָסטראָוו וועגען דער נויטיגקייט פון דער גרינדונג פון אַ ראיאָן קאָמיטעט אין פולטוסקער קרייז און לעגט פאָר פאָלגענדע רעזאָלוציעס, וועלכע ווערען אויך איינשטימיג אָנגענומען: 1) אלע בנות-אָרגאַניזאציעס פון פולטוסקער און אָסטראָווער קרייז שאפען אַ ראַיאָן-קאָמיטעט מיט זיין זיץ-אָרט אין אָסטראָוו און אין פולטוסק. 2) די ראַיאָן-ביורא שטעהט אין פערבינדונג מיט'ן צ. ס. און דער לעצטער העלפט מיט פיהרען די ארבייט פון ראיאָן-קאָמיטעט 3) ארויסגעבען א ראיאָן-צייטונג „ביולעטין” פאר קאָרעספּאָנדענציעס און אָנווייזונגען 4) ביי יעדער בנות-אָרגאניזאציע מוז זיין אַ מענער-ראט פון דער אַגודה פאר די אינטערעסען פון בנות. 5) ביי יעדער בנות גרופּע מוז זיין א רעפערענטען-קרייז. 6) יעדע בנות דארף מאכען אגעשריבענע וואנט-צייטונג. אזוי דאָס עס זאָל אויספאלען אויף יעדער שטאָט, וואָס איז אָנגעשלאָסען אין ראיאָן-קאָמיטעט, אויף יעדער וואָך א צייטונג. 7) יעדע בנות וואָס איז אָנגעשלאָסען אין אָסטראָווער-פולטוסקער ראיאָן, איז אָבליגאטאָריש מחויב צו טראָגען דעם איינהייטליכען לבוש. 8) יעדע בנות איז מחויב צו פערקויפען וואָס א גרעסערע צאָהל בויסטיינער פאר'ן בית-יעקב-סעמינאר אין קראָקא. 9) בנוגע דעם „בית יעקב זשורנאל” און „קינדער גאָרטען” זענען מחויב אלע בנות גרופּען זיך צוצופאסען צו די בעשלוסען פון דער צווייטער לאנדעס-קאָנפערענץ אין לאָדז.

פרל. נאשעלסקא שליסט די זיצונג און דריקט אויס די האָפנונג, אז די ארבייט פון די בנות-אָרגאניזאציעס אין פולטוסקער קרייז, וועט זיין אַ מוסטער פאר אלע אנדערע געגענדען.

נאָך דער זיצונג געהען אַלע דעלעגאטינס אין געסט צום מיטאָג, וועלכע איז איינגעאָרדענט דורך דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-אָרגאניזאציע אין פולטוסק. ביי שעהן סערווירטע טישען אונטערהאַלטען זיך די אנוועזענדע זעהר געמיטליך און עס שפּילט דער פּאטעפאָן ראָזענבלאַט'ס חזנישע זאַכען, קינדער פון די ב"י שולען דעקלאַמירען פערשידענע לידער, א סך עסקנות זאָגען פערשידענע דברי תורה און דאָס מיטאָג פערציהט זיך ביז 7 אַ זייגער אָווענד.

# די שלוס-זיצונג

די שלוס-זיצונג קומט פאָר ווידער אין דער פרויען-שוהל ביי אַ פול געפאקטען זאל מפה אל פה. די בעגייסטערונג איז אָנגעהויער גרויס און ווען פרל. נאשעלסקא עפענט די זיצונג, שטורמט דער גאנצער זאַל פון בעגייסטערטע אָוואַציעס לכבוד דער קאָנפערענץ.

פרל. טויבע (ווישקאָוו) האלט א לענגערע רעדע, וועגען די פליכטען פון ב. א. י. פאר ארץ ישראל. די רעדנערין קלערט אויף אין איהר אינהאלטסרייכער רעדע די אידעאָלאָגישע אויפפאסונג פון דער אגודת ישראל בנוגע ארץ ישראל. זי רעדט ארום די פאָזיטיווע געשיכטליכע מאָמענטען פון דעם מסירת הנפש, וואָס רעליגיעזע יודען האָבען תמיד אַרויסגעוויזען פאר ארץ ישראל, און אויך איצט רופט אויס די חשובע רעדנערין דארפען מיר גרייט זיין פאר א"ץ ישראל צו אַרבייטען. נאַטירליך אינ'ם גייסט פון אונזערע טראדיציאָנעלע אַנשויאונגען.

פרל. טויבע ווייזט גאַנץ בעזונדערס אָן אויף דער פליכט צו העלפען דאָס אָרטאָדאָקסישע שול-וועזען אין ארץ-ישראל און גאַנץ בעזונדער די ב"י שולען. דער רעפעראַט פון פרל. טויבע האָט איבערגעלאָזט אַ טיפען איינדרוק.

פרל. בוים (טשעכאנאָוו) האלט אַ לענגערן אויספיהרליכען רעפעראַט וועגען דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע. זי רעדט אַרום די גרויסע בעדייטונג פון פערשפּרייטען די אַרטאָדאָקסישע פרעסע ווי „דאָס יודישע טאָגבלאט”, „בית יעקב זשורנאל”, „קינדער-גאָרטען” אין יודישען הויז. די רעדנערין ווייזט אָן, אַז די גאנצע מאכט פון דער בעוועגונג ליגט נאָר אין דער האַנד פון דער פרעסע און א דאנק דער קראַפט פון דער פרעסע, קאָן אַ בעוועגונג זיך שטאַרק צעוואקסען. פרל. בוים פאָדערט אויף אַלע דעלעגאַטינס ענערגיש זיך צו ווידמען דאָס פערשפּרייטען די אָרטאָדאָקסישע פרעסע. נאָך די רעפעראַטען האַלטען נאָך שלוס-רעדעס פאָלגענדע דעלעגאַטען: ברכה ראָזענבערג (פולטוסק) מרים זעליגקייט, שיליווינסקא (אַכטראָוו) עפשטיין (אָסטראָוו) קובעל (נאַשעלסק) פרוי ראָזענשטיין (מאַקאָוו) פרענקעל (פראָשניץ) פינקעלמאן (פולטוסק) פרל. וויגאַדא (מאקאָוו) ווייקסעלפיש (נאַשעלסק) פרל. מלאווסקא (פראַשניץ).

פייערליכע שלוס-רעדעס ווערען נאָך געהאַלטען פון פרל. דאן (אָסטראָוו) פרל. כ"ץ (נאשעלסק) און פרל. נאשעלסקא (פולטוסק).

די קאָנפערנץ בעשליסט אויך איבערצושיקען א הארציגע בעגריסונג דער גייסטיגער מוטער פון דער ב"י בעוועגונג פרוי שרה שענירער, ווי אויך אויסדריקען א דאנק דער פרל. נאַשעלסקא פאר איהר גרויסער מיה ביים צוזאמענרופען די קאָנפערעיץ און ביי בעגייסטערטע אויסרופען ווערט די קאָנפערענץ געשלאָסען.

עס ווערט נאָך אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם פרויען-פערבאַנד אין פולטוסק פאר דער פריינדליכער אויפנאַהמע, וואָס זיי האָבען געגעבען די דעלעגאַטינס און געסט.

ביז שפּעט אין אָווענד האָט געדויערט דער פייערליכער באַנקעט. און אַלע האָבען זיך זעהר גוט געוויילט.

דער איינדרוק פון דער קאָנפערענץ אין דער גאַנצער געגענט איז געווען אָנגעהויר גרויס.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פגישת-חברות פון בנות-אגודת-ישראל אין בעלכאטאוו

שבת און זונטאג כ"ד, כ"ה שבט איז אין בעלכאטאוו פאר-געקומען א פגישת-חברות פון די בנות-ארגאניזאציעס פון די ארומיגע שטעט. צו דער פגישה זענען געקומען א צאהל פון 40 פערזאן, חברות און פיהרערינס פון בנות אין די שטעט, לאדז, פאביאניץ, ראדאמסק, לאסק, לינטשיץ, סטערצאוו, פיעטרקאוו, פשעדבאזש, זעלווו. עס איז אויך געקומען ספעציעל פון קראקא, די דאצענטין פון סעמינאר פרל. חוה לאנדסבערג און לייטער פון צ. ס. רעד. פרידענזאן פון לאדז.

פרייטאג-צונאכטס פערזאמלען זיך אלע דעלעגאטינס און פיל אנגעזעהענע געסט אין דער וואוינונג פון ה' סטאראווינסקי, און די הויפט-ארגאניזאטארין פון דער פגישה לעהרערין פרל. שטאק-מאן האלט א פייערליכע בעגריסונגס-רעדע לכבוד די אנוועזענדע און דאנקט גאנץ בעזונדער די דאצענטין לאנדסבערג פאר איהר ספעציעל קומען קיין בעלכאטאוו, וואס פערשאפט אלעמען גרויס פרייד. פרל. לאנדסבערג ווערט אויסגעוועהלט אלס עהרען-פארזיצערין פון דער פגישה און דעם פארזיץ נעמט איבער די איבערגעגעבענע בנות-עסקנות פרל. קאדזיאל. און דאן ווערען געהאלטען בעגריסונגס-רעדעס: פרל. שווארצבערג, אין נאמ'ן פון יוגענד-קרייז), פיגולא — רעפערענטען-קרייז, שילערין פשעמיס-לאווסקא-(אין נאמען פון די בע"כאטאווער ב"י-קינדער). רעדאק-טאר פרידענזאן בעגריסט אין נאמען פון צ. ס. און לויבט די חאונדערבארע טעטיגקייט פון דער בעלכאטאווער בנות און גאנץ בעזונדער פאר דער איינגעארדענטער פגישת-חברות. נאכ-דעם בעגריסען נאך דער פרועס פון דעם ב"י קאמיטעט ה' חאלפאוויטש און אין נאמען פון מענער-ראט ביי דער צענטראלע ה' פרענקעל. פרל. האלענדער—לענטשיץ, פרוי קאלאווסקא — פיעטרקאוו.

ה' פרידענזאן גיט א איבערבליק פון דער פערברייטערטער בנות-בעוועגונג זינט דער צווייטער לאנדעס-קאנפערענץ און וויזט אן אויף דער פערצווייגטער טעטיגקייט פון דער צענטראלע במשך דער לעצטער צייט. אין שטרייכט אונטער גאנץ בע-זונדער די וויכטיגקייט פון ראיאן-קאנפערענצען און פגישת-חברות. דערנאך גיבען איבער בערי'כטען פון די ארטס-גרופען די טיכ-טיגע בנות-ארבייטערין פרל. שאטאן (בעלכאטאוו) שאלדאיעווסקא (לאדז) טרויבע (פאביאניץ) יוטא האלענדער (לענטשיץ) באטשאן (ראדאמסק) נאוואמיאסט (סטערצאוו) בעלפעלד (בתי-פערבאנד סטערצאוו) פרוי קאלאווסקא (פיעטרקאוו) מארטשאק (לאסק) און דאן האלט דעם ערשטען רעפעראט פרל. יאסקאוויטש חעגען ארגאניזאציע און דיסציפלין. די רעדע פון פרל. יאס-קאוויטש האט אויף זעהר א געלונגענעם אופן בעלעהרענד די אנוועזענדע וועגען דער נויטיגקייט פון צו זיין גוט ארגאניזירט און דיסציפלינאריש ערפילען די פליכטען פאר דער בנות-אידעע. אויף דיזעלבע פערזאמלונג האט אויך געהאלטען א מוסטער-האפטע רעדע פרל. לאנדסבערג מענינא דיומא. ארומרעדענדיג די בעדייטונג פון די עשרת הדברות אין דער פארם פון א פראגראם פאר די בנות-חברות. די ערשטע זיצונג פון דער פגישה איז געשלאסען געווארען אין זעהר א געהויבענער שטימונג.

## שבת ביי טאג.

באלד אין דער פריה גהען אלע אנטיילנעמערינס אין דער פגישה צום דאווענען און ר"ח בענשען אין דער שטאטישער שול. 2 בייטאג פערזאמלען זיך ווידער אלע דעלעגאטינס און געסט און עס פיהרט אן מיט דער פגישה פרל. קנאבלעוויטש (לאדז). רבקה שטייער (בעלכאטאוו) האלט א שיינעם סדרה-פארטראג, פארזיצערין פרל. קאדזיאל האלט א אויספיהרליכען רעפעראט איבער די קולטורעלע אויפגאבען פון בנות אגודת ישראל. דערנאך הויבט זיך אן א דעבאטע איבער דער טעטיגקייט פון די גרופען בכלל און פון דער צענטראלע בפרט. פרל. לאנדסבערג גיט איינינע אויפקלע-רונגען איבער דער קולטורעלער ארבייט און וויזט אן אויף דער וויכטיגקייט פון שעורים און אנדערע איינריכטונגען וואס עס דארפען דורך די בנות געמאכט ווערען, בכדי צוציהען חברות און זיי בעוואוסטזיניג מאכען. אין דער דעבאטע בע-טייליגען זיך: פרל. נאוואמיאסט (סטערצאוו) קיפטייל (לענטשיץ) פיגולא (בעלכאטאוו). פרל. שטאקמאן זאגט זיך ארויס פאר'ן געבען ברייטערע מעגליכקייטען דעם צ.ס. צו דער ארבייט. מען זאגט צו. אנד. אז דאס קלענסטע שטעטעל האט אונבעדינגט געדארפט געבען 50 תרומת חברות. עס ווערט אויך ארומגערעדט די וויכטיגקייט פון צוזאמענרופען דעם צענטראל-ראט אין דער נאהנטסטער צייט. איינינע דעלעגאטינס זאגען זיך אויך ארויס, אז די בנות-עסקנות אין יעדען ארט דארפען פיל אכט לעגען אויף צו פערשטארקען די פריינדשאפטס-בעציהונגען צווישען די חברות, צום סוף פון דעדראזיגער זיצונג שטעלען זיך נאך אפ אויף א רייהע וויכטיגע פונקטען די מיטגלידער פון מענער-ראט די ה"ה פרענקעל און גרינבלאט.

## אקאדעמיע אין שטאטישען זאל

ביי א פול געפאקטען זאל פון קרוב 500 פרויען און פרייליינס עפענט די פייערליכע אקאדעמיע פרל. שטאקמאן אין האלט גלייכצייטיג באלד א רעפעראט וועגען דער סאציאלער גערעכטיגקייט לויט דער יודישער תורה. דער רעפעראט נעמט ארום פערשידענע שטרעמונגען אין דער סאציאליסטישער וועלט און וויזט אן דערויף, אז די תורה און די נביאים האבען די סאציאלע גערעכטיגקייטס אידעען פערבינדען מיט דער אמונה און א דאנק דעם האט דער תורה-יושר א געזונטען יסוד, די רעדנערין ציטירט פיל פסוקים פון תנ"ך און מאמרי חז"ל, וואס נוגע דעם ענין. די רעדנערין וויזט אויך אן אויף דעם צביעות און אפנארעריי פון די פלומרשטע סאציאלישע אידע-אלאגען, וואס עס שפיגעלט זיך אמשטארקסטען אפ אין קאמוניס-טישען גהינום אין סאוויעט-רוסלאנד, וואו עס ווערט פערגוואל-דיגט יעדע געוויסענס פרייהייט.

דעם פארזיץ פון דער אקאדעמיע נעמט איבער פרל. שעראדוקא (פאביאניץ) און עס האלטען קורצע בעגריסונגס-רעדעס: שערמאן, מרים סטאראווינסקא, פרעזינער, פליישער, גראנעק, שאטאן, און פרוי פרענקעל אין נאמען פון פרויען-קאמיטעט ביי דער בית-יעקב-שולע.

דאצענטין פרל. לאנדסבערג האלט א גייסטרייכע רעדע וועגען דעם רעליגיעזען ערוואכונגס-פראצעס פון דער יודישער פרוי אין איהר רעדע בעטאנט פרל. לאנדסבערג ביישפילען פון דעם גייסטיגען קריזיס, וואס עס הערשט אין דער וועלט פון דער מאדערנער יוגענד, וואס האט זיך אויך אריבערגעטראגען צווישען דער יודישער און בעזונדערס צווישען דער פרויען-יוגענד, דער בנות-אידעאל—פערענדיגט פרל. לאנדסבערג איהר גייסטרייכער רעדע—גיט אינהאלט און לעבענס-קראפט די יודישע טעכטער.

פרל. קנאבלעוויטש (לאדז) רעדט אין נאמען פון דער בנות-צענטראלע אין לאדז, און שטעלט זיך אפ אויף דעם שטאלץ וואס עס דארף בעהערשען די בנות-חברות, האבענדיג זוכה געוועזן צו זיין די פיאנערינס און פארקעמפערינס פאר דער אייביגקייטס-אידעע פון ישראל סבא. פרל. קנאבלעוויטש מונטערט מיט הארציגע ווערטער אלע אנוועזענדע אין דער גרויסער היסטארישער ארבייט צו נעמען אלס מוסטער דבורה הנביאה, וועלכע האט אזוי מוטיג אויסגערופען, אנכי, אנכי לד' אשירה.


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 18 מתוך 24

פרל. שאטאן רעדט ארום די לוקסוס-כוואליע אין דער יודישער גאס און די נויטווענדיגקייט פון געגענשטעלען זיך דער לוקסוס-צרה, וואס ברענגט מיט זיך די טרויעריגסטע פאלגען פארן יודענטום און יודישקייט. ווער זאל דעם דאזיגען קאמף אויפהייבען, רופט אויס פרל. שאטאן — אויב נישט מיר, די טרעגערינס פון דער אלטער יודישער פאהן. איהר רעדע דויערט א שעה-צייט און ווערט געהאלטען אין זעהר א טעמפעראמענטפולען טאן.

עס האלטען נאך טיף-בעגייסטערטע רעדעס פרל. קופטייל (לענטשיץ) פרל. פרידמאן (לאסק). צום סוף האלט א לענגערע רעדע רעד. פרידענזאן וועלכער שטעלט זיך אפ אויף די שוין דערגרייכטע ערפאלגען און גיט א בייספיעל בעלכאטאוו זעלבסט, ה' פרידענזאן דערמאנט ווי מיט 10 יאהר צוריק איז ער אין דעם זעלבען זאל געשטאנען אויף דער טריבונע און גערעדט וועגען אגודת ישראל און די געגנער האבען אלע שויבען אויסגעהאקט, נישט לאזענדיג קומען צום ווארט. איצט אבער פערענדיגט דער רעדנער קאן איך רוהיג זאגען די ברכה, ברוך שעשה לי נס במקום הזה. די געגנער שווייגען שוין או ווייסען, אז זיי מוזען שווייגען, ווייל אגודת ישראל און בנות אגודת ישראל איז שוין א מעכטיגער פאקטאר אין יודישען לעבען

עס ווערט פארגעליינט א בעגריסונג פון פרוי שענירער, וואס ווערט אויסגעהערט מיט בעגייסטערונג און בעגלייט מיט „תחי" אויסרופען.

פארן שלוס פון דער אקאדעמיע רעדען נאך : פרוי פרענקעל יוטא סטארווינסקא און פרוי לובערשטיין, וועלכע דריקען אויס א עפענטליכען דאנק דער פרל. שטאקמאן, פאר איהר מיהפולער ארבייט פאר דער בעלכאטאווער-בנות, וועלכע האט אזא גרויסען ערפאלג אין איהר טעטיגקייט.

די אקאדעמיע ווערט געשלאסען דורך פרל. לאנדסבערג 1 א זייגער ביינאכט און דער גאנצער פערזאמעלטער עולם ברענגט צום אויסדרוק די געפיהלען פון סימפאטיע, אנערקענונג און דאנק, פאר אלע רעדעס אין א לאנג דויערענדער שטורמישער אוואציע און פערשידענע התלהבות'דיגע אויסרופען, פאר „בנות אגודת ישראל", נאך דער אקאדעמיע קומט פאר א פייערליכער באנקעט ביי רייך-סערווירטע טישען לכבוד די געסט. דער באנקעט קומט פאר ביי זעהר א געמיטליכער שטימונג און דויערט ביז 5 אזייגער פארטאגס.

## שלוס-פערזאמלונג פון דער פגישה

הארכיון היהודי

זונטאג בייטאג פיהרט אן מיט דער פגישה די ערשטע גרינדערין פון דער בנות-ארגאניזאציע אין בעלכאטאוו פרל. נאוואמיאסט (היינט אין סטערצאוו). עס קומט פאר א רעפעראט וועגען פרעסע און ליטעראטור פון ה' פרענלעל און דערנאך ענטוויקעלט זיך א דעבאטע איבער דער ב"י ליטעראטור, צוו. אנד. ווערט געלויבט די יובל-אויסגאבע פון ב"י זשורנאל און עס האלטען שלוס-רעדעס די ה"ה: גרינבלאט, וואלפאוויטש און דערנאך ווערט פארגעשלאגען צום צייכען פון דאנק פאר פרל. לאנדסבערג אריינצונעמען זי אלס עהרען-חברה אין דער בעלכאטאווער בנות. פרל. שאטאן גיט איהר באלד א מיטגלידס-קארטע און די אנוועזענדע אפלאדירען.

די פגישה ווערט נעשלאסען מיט א רעדע פון פרל. קאדזיאל אין וועלכע זי דאנקט דער פרל. לאנדסבערג און רעד. פרידענזאן פאר זייער קומען צו דער פגישה און גאנץ בעזונדער דער געעהרטער פרוי רחל סטאראווינסקא פאר איהר גאסט-פריינדשאפט און אפגעבען א לאקאל פאר דער פגישה.

די פארזיצערין נאוואמיאסט לייענט פאר די דריי הויפטבעשלוסען: 1) עס זאל געשאפען ווערען א ראיאן ביורא אין בעלכאמאוו 2) עס זאל אין חוהמ"פ פארקומען א פראפאגאנדע טורנעע פון אלע מיטגלידערינס פון צענטראל-ראט. 3) עס זאל אונבעדינגט פערגרעסערט ווערען די צאהל אבאנענטען פארן בית יעקב זשורנאל אין יעדען ארט, בכדי צו פערוואנדלען דעם בית יעקב אין א צוויי-וואכען זשורנאל, און עס זענען אויך מחויב אלע בנות-ארגאניזאציעס צו פערשפרייטען די איינציגע ארט: טאג-צייטונג „דאס יודישע טאגבלאט".

# פריינד און לייענער צום בית-יעקב-זשורנאל*)

ח. ווייסמעהל

## דער כח פון א ב"י-נומער

מיט 3 יאהר צוריק בין איך אמאל געווען אין לובלין ביי א בעקאנטען סוחר און בעמערקט צום ערשטען מאל דעם ב"י-זשורנאל. אין תחילת האט ער אויף מיר נישט געמאכט קיין שום איינדרוק, נאר זעהענדיג ווי דער בעקאנטער לעזט איהם מיט אזא אייפער האב איך מיך מיט איהם פעראינטערעסירט, און... תיכף איינגעשיקט פאר א קווארטעל פאראויס.

ער האט געמאכט אויף מיר א גרויסען רושם מיט זיין פשטות און אמת. אויך ביי אונז, אין שטעטעל האט אנגעהויבען אויספעהלען א יודישע טאכטער, אלעס איז געווארען פערזינקען אין דעמאראליזאציע, הפקרות, און אפגעקעהרט פון גלייכען וועג.

*

האב איך אנגעהויבען רעדען פון א ב"י-שולע, האבען מיך אלע אויסגעלאכט. אויך ביי אונז האט מען געהערט, אז אין קראקא איז פערהאן א סעמינאר פאר רעליגיעזע לעהרערינס, אבער ס'האט זיך געדאכט, אז דארט איז אלץ צו „מאדערן".

ס'האבען נישט געהאלפען לאנגע טענות, אז די ב"י-שולע איז מיט דער הסכמה פון דער „מועצת גדולי התורה", און דאס איז טאקי אמיטעל צו בעקעמפען דעם מאדערניזם, זיי האבען זיך אבער געהאלטען ביים זייעריגען און נישט געגלויבט,

איך האב זיי כסדר געוויזען די נומערן פון ב"י, וועלכע האבען זיכער נישט געפרעדיגט קיין מאדערניזם, און דאס איין האט גענומען פלאצען... אממעהרסטען האט אויף זיי געווירקט די איינלייטונג צו תהלים פון ד"ר דייטשלענדער, (געפינט זיך אין זשורנאל תשרי תרפ"ז) פון דעם וועלכער איז ביי זיי פריהער געווען דער אנפיהרער פון די מאדערניסטען.

ווען מיר האבען שוין געהאט זייער הסכמה האבען מיר ארפגעבראכט ה' מ. שווארצמאן פון שעדליץ, און נאך זיין מייסטערהאפטער רעדע איז געגרינדעט געווארען א ב"י.

אייר תרפ"ז איז די שולע געעפענט געווארען און באלד האבען אויך איינעגע שטעדט ארום אונז, ווי פארצעוו, מאצעוו, א. א. אונז גענומען נאכטהון און ביי זיך אויך געגרינדעט ב"י שולען.

אט וואס איין נומער „בית-יעקב" האט אלעס בעוויזען אויפצוטהון.

טשעמערניק.

*) מיר בעקומען אלץ כסדר בריף פון לייענער, פריינד, לעהרערינס און עסקנות, וואס זיי איז בעקאנט די פעולה פון זשורנאל — מיר וועלען געבען אלע בריף לויט דער רייה.

רעדאקציע





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פון שוועסטער צו שוועסטער

ליבע חברה רבקה האבערמאַן!

עס האָט דאָ געוויילט דער אַגודה-אינסטרוקטאָר ה' ניעס-טעמפאָווער, כ'האָב זיך ווי דו פערשטייסט אויסגעפרעגט, וואָס ס'הערט זיך אין אונזער ווינקל און ר'האָט מיר דערציילט אַז ביי דיר פיהרט זיך די „בנות" זעהר גוט, כמעט ווי אַ דיסציפּלינירטע זעלנער-ארמעע און טאקי אויך איבערליך...

כ'ווייס שוין אַפילו פון לאַנג, אז ביי דיר איז גוט, כ'האָב אויך געוואָלט צו דיר קומען אויף בעזוך, און איבער פערשידענע פראָבלעמען זיך אַ ביסל דורכשמועסען, ווען מ'איז אָבער בנות-פיהרערין און לעהרערין אינאיינעם, איז עס נישט איין זאַך אונמעגליך.

כ'בעט דיך דעריבער, בעשרייב מיר אויף די שפּאַלטען פון אונזער זשורנאַל, די פונקציעס פון דיין אָרגאַניזאַציע, די ארבייט-איינטיילונג, בכלל און בפרט.

עס איז דאָך דורכאויס נויטיג זיך דורכצורעדען איבער פערשידענע פראַגען פון אונזער אידעאישער און פראַקטישער ארבייט. מיר מוזען דאָך טראַכטען וועגען עפּעס אַ אַלגעמיינע דיסציפּלין, נישט יעדע זאָל זיך פיהרען איהר „קרעמעל" און ווען ביי איהר פיהרט זיך גוט. איז שוין גענוג, איז דען נישט אונזער חוב איינהייטליך צו אַרבייטען און צו האָבען א געמיינזאַמען געדאַנקען-אויסטויש!

לאָמיר אַלזאָ אויף די בלעטער פון ב"י די מיינונגען אַרויסגעבען, דאָס געדרוקטע וואָרט האָט דאָך אַ פיל שטאַרקערע פעולה ווי דאָס גערעדטע, אַגב וועקט דאָס אויף אויך אנדערע צו דענקען און צו טהון, ליידער בין איך נישט צופרידען, וויפיל מאָל כ'נעם דעם ב"י זשורנאַל עפּעס זיך צו דערוויסען פון אונזערע בנות-אָפּטיילונגען אין די שטעט און שטעטלעך, אי ס'זעהט אויס זייער קולטורעלע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, מאַטעריעלע, פילאַנטראָפּישע לאַגע, ווי עס זעהען אויס זייערע ביבלאָטעקען, זייער צוזאַמענהאַנג מיט אַגודה, ווי עס בעציהט זיך די אַגודה צו זייער אַרבייט א. א. וו. גלוסט זיך צו לאַכען און—וויינען!

מ'קען זיך עפּיס גאָרנישט דערוויסען, אלע קאָרעספּאָנדענציעס ווי אָפּגעשריבען איינע פון דער צווייטער.

וואָס קען די רעדאַקציע טהון ווען מען שיקט איהר צו אזאַלכע קאָרעספּאָנדענציעס?

אָט למשל לייגען זיך די קאָרעספּאָנדענציעס: ביי אונז האָט געוויילט... אָדער: ביי אונז איז פאָרגעקומען... ס'האָט איבערגעלאָזט אַ איינדרוק... אפּלאָדיסמענטען און — שלום על ישראל!...

הארכיון היהודי

דעריבער, ערפיל מיין פערלאַנג, שרייב אַ פּאָר שורות, פאַרוואָס נישט!

מיר מוזן זיך דאָך העלפען; אם אין אני לי...

מיט אַגודה גרוס

**א. ראָזאַ**

אָנמערקונג פון רעדאַקציע: נאָהנט פאַר'ן שליסען דעם נומער האָבען מיר ערשט בעקומען צוגעשיקט די אויביגע שורות, אַזוי, דאָס עס איז אונז איצט נישט מעגליך און מעריטום פון דעם ענין צו נעמען אַ וואָרט באריכות. בכלל אָבער ווילען מיר צוגעבען אַז נאָר אויף דעם עהנליכען אופן דאַרף מען שרייבען פאַר דער אָפּטיילונג „פון שוועסטער צו שוועסטער". יעדע, וואָס האָט עפּיס צו זאָגען, דערצעהלען פון אַ גוטען אויפטהו, אַ נייע אַרבייט, אַ שענעם פּלאַן, א.ד.ג. דאַרף עס צושיקען. אויך קאָנען די בנות-חברות צושיקען פראַגעבויגנס פון יעדער אַרט, דער מיינונגס-אויסטויש ווער בעשטימט אַריינברענגען אויפקלערונג אין פיל פערנעבעלטע פּראָבלעמען. און אויך פיהרען צו אַ פערבעסערטער טעטיגקייט פון די בנות-אָרגאַניזאַציעס

# אין לך דבר העומד בפני הרצון!

איך מיין, אַז עס וואָלט שוין אויך געווען די העכסטע צייט, אַז דער ב"י זשורנאַל זאָל אָנהויבען ערשיינען אַלס צוויי-וועכענטליכער זשורנאַל. אונזערע אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין אַזוי ענטוויקעלט, אַז מיר קאָנעז זיך שוין נישט בעגניגענען מיט אַ חודש זשורנאַל, נאָר מיר דאַרפען דעם ב"י זשורנאַל האָבען וואָס אָפּטער. און דאָס ווענדעט זיך אין אייך אַליין,–זאָל יעדער פון אייך זיך בעטייליגען אין דער יובל-קייט וועט „בית יעקב" ערשיינען צו יעדע 2 וואָכען, און מיר וועלען גאך זוכה זיין צו זעהן איהם אַלס וואָכען זשורנאַל.

אם אין אני לי — מי לי! האָט געזאָגט אונזער גרויסער לעהרער הלל הזקן, און זיין וואָרט וועט בלייבען לדורות. נאָר אין אונז ווענדעט זיך דאָס אַלעס, און אויב מיר וועלען עס וועלען דאַן אין לך דבר שעומד בפני הרצון, וועלען מיר בעשטימט דאָס דערגרייכען.

כ'פערהאָף, אַז אַלע מיינע שוועסטערן וועלען מיך גוט פערשטעהן און פערוואַנדלען דעם „נשמע" אויף „נעשה".

וואַרשא

רבקה עלבוים

# ענטפערט אויף אונזער אנקעטע!

דעם הייגטיגען חודש בעקומט יעדע בנות-אָפּטיילונג צוגעשיקט אַפראַגע-בויגען, וועלכער דאַרף באַלד אויסגעפילט ווערען און תיכף אָפּגעשיקט ווערען אין צ. ס. דערדאָזיגער פראַגע-בויגען איז גלייכצייטיג א בעריכט פון דער טעטיגקייט פון יעדער אָפּטיילונג פאַר'ן ערשטען האַלבען יאָהר תר"ץ.

מיר פאָדערן אויף דעם אַנקעטע-בויגען נישט אויפצוהאַלטען און וואָס מעהר באריכות אונז אָפּענטפערן אויף אלע פראַגען.

דער רעזולטאַט פון דער אַנקעטע וועט רעפערירט ווערען פאַר דער פרעסע און אגב וועט דאָס אונז נוצען צום נייעם אַרבייטס-פּלאַן, וואָס ווערט צוגעגרייט אויפ'ן קומענדיגען זומער.

צענטראַלער סעקרעטאַריאַט
פון בנות אַגודת ישראל
אין פוילן.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די בית-יעקב-קאָנפערענץ אין וואַרשא

(סוף פון זייט 6)

און דאַרף צו ענטשיידען אַלע פראַגען. וואָס ווערען איהם דורכ׳ן לעצטען פאָרגעשטעלט. 3) דער אויספיהר קאָמיטעט וואָס בעשטעהט פון 11 פערזאָן און האָט צו ערלעדיגען אַלע לויפענדע ענינים פון דער אָרגאַניזאַציע און אויסצופיהרען אַלע בעשלוסען פון צ.ק. 4) די רעוויזאָנס-קאָמיסיע פון 3 מיטגלי-דער וואָס ווערט געוועהלט דורכ׳ן דעלעגאַטען צוזאַמענפאָהר.

ה) דער זיץ-אָרט פון די צענטראַלע אָרגאַנען איז אין וואַרשא — קראָקא, דערביי זאָל די אַרבייט פונאנדערגעטיילט ווערען אַזוי, אַז אין קראָקא זאָלען זיין די רעסאָרטען פאַר לעהרערין אויסבילדונג, לעהרערין פערטיילונג און פעדאַגאָגישע אַרבייט. און אין וואַרשא זאָלען זיין די רעסאָרטען פאַר אָר-גאַניזאַציע, פינאַנצען און יורידישע אָנגעלעגענהייטען. געגען אַבעשלוס פון איין רעסאָרט קאָן ווערען רעקלאַמירט צו דער גאַנצער צענטראַלער לייטונג.

ו) אין רעליגיעז גייסטיגע ענינים פון דער ב״י בעווע-גונג מוז די בית יעקב אָרגאַניזאַציע זיין פולשטענדיג אינטער-געאָרדנעט די מועצת גדולי התורה פון אגודת ישראל אין פוילען.

ז) דער צענטראַל קאָמיטעט פון אגודת ישראל אין פוילען דעלעגירט פון זיין זייט נאָך 10 מיטגלידער אין צ.ק. פון דער ב״י אָרגאַניזאַציע.

ח) די צענטראַלע לייטונג פון דער ב״י אָרגאַניזאַציע זאָל פיהרען איהר פּאָליטישע אַרבייט פאַר די ב״י-שולען אין ענגען קאָנטאַקט און מיט דער פערשטענדיגונג מיט דער פאָליטישער קאָמיסיע פון אגודת ישראל אין פוילען.

ט) די קאָנפערענץ פאָדערט אויף דעם ניי געוועהלטען צ.ק. תיכף אַדורכצופיהרען די לעגאַליזירונג פון דער בית יעקב אָרגאַניזאַציע, און צו אָרגאַניזירען אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ. אויב די גרינדונג פון אַ אָפּטיילונג אין וועלכער ס׳איז שטאָט וועט קוועסטיאָנירט ווערען דורך דער צענטראַלער לייטונג, קאָן אַפּעלירט ווערען צו דער מועצת גדוה״ת וועלכע זאָל דערוועגען ענטשיידען.

י) נעהמענדיג אין אַכט, אַז די בית יעקב שולען זענען די איינציגע אינסטיטוציעס אין פוילען וואָס גיבען די מעגליכקייט צו ערציהען די יודישע טעכטער אין רעליגיעזען און אין אמת יודיש-נאַציאָנאַלען גייסט, ווענדעט זיך די קאָנפערענץ מיט אַ הייסען אַפּעל צו אַלע יודישע קהלות, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו זאַרגען פאַר דער רעליגיעזער ערציהונג פון דער יוגענד צוצוהעלפען, צום עקזיסטענץ פון די דאָזיגע שולען דורכ׳ן בע-שטימען פאַר זיי אַ יעהרליכע סובסידיע אין די קהלות-בודושעטען.

יא) די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אַלע אָרטאָדאָקסישע פּרנסים און ראַטמענער צו אַרבייטען מיט אַלע כחות, אַז די בית יעקב שולען זאָלען סובסידירט ווערען דורך קהלות און מאַגיסטראַטען.

יב) נעהמענדיג אין אַכט, אַז די עלעמענטאַר שולען „בית יעקב״ אין וועלכע די שילערינס בעקומען אויך די אַלגעמיינע בילדונג ענטלאַסטען דעם שול-בודושעט פון דער רעגירונג, פאָ-דערט די קאָנפערענץ פון דער רעגירונג צו סובסידירען די דאָזיגע שולען אין אַ געהעריגער מאָס, כדי לייכטער צו מאַכען זייער עקזיסטענץ, וואָס איז נאָך מעהר בעשווערט אין יעצטיגער קרי-טישער צייט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, די קאָנפערענץ פאָדערט אויף דעם ניי געוועהלטען צ.ק. זיך ענערגיש משתדל צו זיין ביי די רעגירונגס-אָרגאַנען אין דער דאָזיגער אָנגעלעגענהייט.

יג) די קאָנפערענץ בעשליסט צו בעשטימען די צוויי חדשים בסלו-סיון אַלס שטענדיגע זאַמעל-חדשים פאַר די בית יעקב שולען אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דער אָרגאַניזאַציע. דער נייער צ.ק. ווערט אויפגעפאָדערט איינצואָרדנען און אַדורכצו-פיהרען די דאָזיגע זאַמלונג אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב.

די קאָנפערענץ בעשטעטיגט דעם יעהרליכען בודושעט פון דער ב״י צענטראַל אָרגאַניזאַציע אויפ׳ן משך פון די ערשטע דריי יאָהר. (די פעדאַגאָגישע רעזאָלוציע אין קונפטיגען נום.)

## רעזאָלוציעס וועגען „בית יעקב״-זשורנאַל און „קינדער גאָרטען״

1) די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אַלע פערוואַלטונגען אָבליגאַטאָריש מתחייב צו זיין די פערמעגליכע עלטערן פון די שול-קינדער צו אַבאָנירען דעם זשורנאַל „בית יעקב„. די קלענס-טע צאָהל וואָס יעדע שול מוז שאַפען איז 25 אַבאָנענטען.

2) די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אַלע לעהרערינס אָבליגא-טאָריש צו פערפליכטען אַלע קינדער פון די ב״י שולען, וואָס קענען נאָר לייענען יודיש, צו קויפען יעדען חודש דעם קינדער-זשורנאַל „קינדער גאָרטען״.

3) די קאָנפערענץ דריקט אויס אַ וואַרימען דאַנק דער רעדאַקציע „בית יעקב״ פאַר איהר זיבען יעהריגער אַרבייט און פאָדערט אויף די לייטענדע אָרגאַנען פון דער ב״י בעוועגונג צו בעשטימען אַ שטענדיגע סובווענץ פאַר דער ב״י ליטעראַטור און מיטהעלפען וואָס גיכער פערוואַנדלען דעם „בית יעקב״ אַלס אַ צוויי-וואָכען זשורנאַל.

## *די לייטענדע אָרגאַנען פון דער שול-אָרגאַניזאַציע „בית יעקב״ אין פוילען

די קאָנפערענץ האָט איינשטימיג געוועהלט אַלס עקזע-קוטיווע: דר. שמואל דייטשלענדער (וויען) רעדאַקטאָר א.מ. ראַגאָווי, א. ז. פרידמאַן, י. ל. אָרלעאַן, יואל אונגער (וואַרשא) מ. דייטשער אשר שפירא, מ. הייטנער און ה׳ פאַנצער (קראָקא) א. ג. פרידענזאָן (לאָדז) און איין פערטרעטער פון דער חנוך-אָרגאַניזאַציע „חורב״ (ווילנא).

דער צענטראַל-קאָמיטעט בעשטעהט פון: ו. פּשעפּיורקא, ו. אַלבעק און ש. יאַקובאָוויטש (וואַרשא) פ. סטעמפעל און ח. פרעהליך (קראקא) ל. פיינגאָלד, א. גליצענשטיין און ח. ד. ראָזאַניס (לאָדז) דר. ל. ניעמצעוויטש (גראָדנא) גאָלדבערג (קאַליש) ווייסגאַרטען (טשעכאנאָוו) האבערמאַן (זאַווירטשע) נייבערג (שעדלאָוויעץ) מינצבערג (אָסטראָוו) מאָרגענשטערן (סאָקאָלאָוו) שלעזינגער (ווענגראָוו) מרגליות (גריצא) שוואַרצמאַן (שעדלעץ) יוסטמאַן (פּאַביאַניץ) בערלינער (סקיערניעוויץ) און זיגעלבוים (בענדין).

רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: מ. לערנער, מ. א. ראָזענשטרויך (וואַרשא) און משה באנדא (לאָדז).

ברכת מזל-טוב חמה

לחברנו ועוזרנו הנכבד והיקר העסקן הנפלא, הסופר המצוין העורך מר אברהם מאיר קראנגראד לאירושו את מרת יוטא האָלענדער מעיר בנדין

מערכת
בית יעקב
ידידו א. ג. פרידענזון



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 052 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# בית-יעקב-רינג

## פון לעהרערינס און שילערינס פון די ב״י-שולען, מיטגלידערינס פון „בנות-אגודת-ישראל״, פריינד פון ב״י-זשורנאל, לטובת דעם בוי פון ב״י סעמינאר אין קראקא.

### צווייטע רשימה

פרל. ראזא ווארשא ענטפערט די פרל. חנה שפירא מיט 25 זל. און רופט ארויס פרל. חוה׳טשע גאלדשטאף קראקא; פרל. הירש ב״י-לעהרערין אין וויעלון; פרל. שייער ב״י-לעהרערין אין בלאשקי; פרל. פאמעראנץ ב״י-לעהרערין אין מאגיעלניצא; פרל. דאן ב״י-לעהרערין אין מאקאוו; פרל. באבראווסקא ב״י-לעהרערין אין וולאצלאוועק; פרל. שטאקמאן ב״י-לעהרערין אין בעלכאטאוו.

פרל. הינדא פרידמאן ווארשא ענטפערט די פרל. חנה שפירא מיט 25 זל. און רופט ארויס די פרל. גוטא טייטעלבום קראקא; פרל. פלידערבוים ב״י-לעהרערין אין טשענסטאכאוו; פרל. בלימקא קליין ב״י-לעהרערין אין קאלאמעא; פרל. לאה קאאופטייל ב״י-לעהרערין אין כאנדאמיעזש; פרל. מרים גרינבערג ב״י-לעהרערין אין סאקאלאוו; פרל. קעסטענבערג ב״י-לעהרערין אין זאוויערטשע; פרל. עלענבערג ב״י-לעהרערין אין סאסנאוויעץ; פרל. חנה בערלינער ב״י-לעהרערין אין קאזמינעק; פרל. פרידפערטיג ב״י-לעהרערין אין סטאניסלאוו.

פרל. דינה קנאבלעוויטש ב״י-לעהרערין אין לאדז ענטפערט די פרל. חנה שפירא מיט 25 זל. און רופט ארויס אלע איהרע פריינדינס און בעקאנטע.

דריטע קלאס פון דער בית-יעקב שולע אין קאברין שפענדעט 10 זל. און רופט ארויס די בית-יעקב שולע אין בריסק.

בנות אגודת ישראל אין קראקא שענקט 100 דאלאר און רופט ארויס די בנות-גרופען אין ניי-סאנדז, סאסנאוויץ, בענדין, קשאנאוו, וואלבראם, זאוויערטשע, לאדז און רימאנאוו.

די שילערינס פון דער בית-יעקב שולע אין ווארשא טווארדא 35 ענטפערן (דורך די לעהרערין פרל. גליקסבערג) די בית-יעקב שולע נאלעווקי 37 דריטע קלאס מיט—19 זל. פערטע קלאס מיט—20 זל. פינפטע קלאס מיט—23 זל. צוזאמען—62 זל. און רופען ארויס די שילערינס פון די בית-יעקב שולען אין מאקאוו און אין בלאשקי.

פרל. העניא אונגער פאר די ב״י שולע אין ווארשא דזיעלנא 20 ענטפערט די ב״י-שולע נאלעווקי 37 מיט 20 זל. און רופט ארויס: פרל. וויטעלסאהן—ב״י-לעהרערין אין רעמבערטאוו, פרל. טייטעלבוים—ב״י-לעהרערין אין טשארטקאוו, פרל. פראצעל—ב״י-לעהרערין אין קאליש, פרל. שרעמער—ב״י-לעהרערין אין גאוואראוו, פרל. קוטנער—ב״י-לעהרערין אין פלאצק, פרל. שעראדזקא—ב״י-לעהרערין אין ליפנא, פרל. שעראדזקא — ב״י לעהרערין אין פאביאניץ.

די פערטע קלאס פון דער ב״י שולע אין בריסק ענטפערט דער דריטער קלאס פון די ב״י-שולע אין קאברין מיט — 10 זל. און רופט ארויס די שילערינס פון די בית-יעקב-שולען אין סאקאלאוו און אין פאביאניץ.

פרל. לאה פאמעראנץ ב״י-לעהרערין אין מאגעלניצע, ענטפערט די פרל, ראזא ווארשא מיט—10 זל.

פרל. ביילא דאן ב״י לעהרערין אין מאקאוו ענטפערט די פרל. ראזא ווארשא מיט—30 זל. און רופט ארויס די לעהרערינס פון די ב״י שולען אין לאדז. פרל. אסתר גאלדשטאף ב״י לעהרערין אין זגערוש, און די בנות אגודת ישראל גרופע

פרל נ. בלום און פרל. ג. בודערמאן,—באדזאנאוו ענטפערן דער רעדאקציע פון בית-יעקב זשורנאל מיט איין דאלאר און רופען ארויס דעם בית-יעקב קאמיטעט באדזאנאוו: פרל. ח. בידערמאן, פרל. ר. מייזלעש, שרה גאלדרייך, ה׳ א. גאלדבערג, ה׳ ה. י. גוטמאן און פרל. בודערמאן.

פרל. חנה פליהר—רימאנאוו ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י זשורנאל מיט 5 זל. און רופט ארויס פרל. מרים האראוויץ—רימאנאוו.

הרבנית פרוי סלאווין—רובינאוויטש ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י זשורנאל מיט 2 זל. און רופט ארויס: הרבנית פייגא לייבאוויטש—קאמעניעץ. הרבנית רבקה טורעץ—קאמיעניץ, די שוועסטערין צוטערניק—טשעכאנאוויעץ.

ב״י שולע אין סטאניסלאוואוו שפענדעט 60 זל. און רופט ארויס די ב״י שולען אין לעמבערג, קאלאמעע, דראהאביטש, סטרי, ניי-סאנדז און דאבראמיל.

פרל. עלענבערג סאסנאוויץ ענטפערט דער פרל. הינדא פרידמאן מיט 30 זל. און רופט ארויס: חנה נעבענצאל, סטאניסלאוואוו אין בתי׳ קרייטנאר, יענדזיעוו.

בנות אג״י אין בענדין ענטפערט דער בנות אגודת ישראל אין קראקא מיט 218,50 זל.

פרל. פייגא פרידפערטיג ב״י לעהרערין אין סטאניסלאוואוו ענטפערט דער פרל. הינדא פרידמאן מיט 25 זל. און רופט ארויס פרל. ראזשאנסקא ב״י לעהרערין אין סטרי, פרל. דאכנער ב״י לעהרערין אין ניי-סאנז.

פרל. חי׳ ראזענבלום ב״י לעהרערין אין לאדז ענטפערט דער פרל. חנה שפירא, קאברין מיט 25.

בנות אגודת ישראל אין בלאשקי שפענדעט 25.

פרל. פ. שייער ענטפערט דער פרל. ראזא מיט 20 זל. און רופט ארויס פרל. באבראווסקא—וולאצלאוועק, פרל. עטינגער און פרל. שאטאן, בעלכאטאוו. פרל. ח. שעראדזקי ב״י לעהרערין אין פאביאניץ ענטפערט דער פרל. העניא אונגער מיט 15 זל. און רופט ארויס פרל. בוים, פשעדבורזש, פרל. פלידערבוים, טשענסטאכאוו און פרל. ראזענטהאל, פאביאניץ. 3-טע קלאס פון דער ב״י שולע אין פאביאניץ (געזאמעלט דורך לעהרערין פרל. בוים) ענטפער דער 4-טער קלאס פון ב״י שולע אין בריסק מיט 13 זל. בנות-אגודת-ישראל רימאנאוו ענטפערט דער בנות-אגודת-ישראל אין קראקא מיט 10 זל. פרל. טייטעלבוים ב״י-לעהרערין אין טשארטקאוו ענטפערט דער פרל. העניא אונגער מיט 10 זל.

פרל. רחל קעסלער קלעצק ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י-זשורנאל מיט 10 זל. און רופט ארויס: פרל. דבורה יאזגור, פר. באשע קעסלער, פרל. ברײנדיל הערינזאן, — אלע פון קלעצק.

פרל. וויטעלסאהן ענטפערט דער פרל. טויבע מיימין און פרל. פייגע שטייער. פרל. מינדל כרויבע, בלאשקי ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י זשורנאל מיט 9 זל. און רופט ארויס פרל. הענדעלעס אין טשעכאנאוו און פרל. ראזענבוים, זדונסקא-וואלע.

הרבנית חי׳ אלטער, גור ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י זשורנאל מיט 5 זל. —פרל. יהודית ווייסבעקער, בענדין ענטפערט דער רעדאקציע פון ב״י זשורנאל מיט 5 זל. און רופט ארויס פר. שרה האכמאן און הדסה טארנהיים פון סאסנאוויץ, פר. ביילא וויילשיינדיל האבערמאן, נחמה פראהמאן או. זיסל שפייזער פון זאוויערטשע.—פרל. וויצעל באר נאוויטש ענטפערט דער פר. הרבנית סלאווין מיט 5 זל. און רופט ארויס הרבנית ליובטשאנסקי, באראנאוויטש, פרל. פינקעל מיר, הרבנית סג״ל, אסטראוו מאז.

הרבנית יהודית פרידלינג, ביסקאוויץ, שפענדעט 3 זל. און רופט ארויס הרבנית מיכעלזאן, ווארשא, הרבנית קיילע קאליש, ווארשא, הרבנית שצעדראוויצקי, ביאליסטאק.—פרל. רחל גוטמאן, באראנאוויטש ענטפערט דער פר. דרבנית סלאווין,רובינעוויץ מיט 2 זל. און רופט ארויס הרבנית פייגל היימאן, ווילנא, פר. מלכה שעפטש, מיר, פר. אסתר יאסעלעוויטש באראנאוויטש.

פרל. אסתר לעווין, רוביזעוויטש ענטפערס דער הרבנית סלאווין מיט 2 זל. און רופט ארויס פרוי שבע ראזענבליט, קאנסק, פרל, חוה פלאטניק, פר. מושע נאכאמטשיק.

---

| | | |
|---|---|---|
| ס״ה פון דער צווייטער רשימה | 640 זל. | און 101 דאלאר |
| ״ פון דער פריהערדיגער רשימה | 121 זל. | און 15 דאלאר |
| ס״ה | 761 זל. | און 116 דאלאר |

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

ŁODŹ, Marzec 1930

„BAJS JAKOW"

Cena 1 Zł.

P.K.O. 65.613 ::

RokVII zeszyt 6 (52.)

Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Aleksandrowska 28.
Telefon 109-77.

## מזל-טוב

פון טיפען הארצען ווינשען מיר מזל-טוב אונזער חשובע טרייע איבערגעגעבעניע מיטגלידערין פון צענטראל-ראט און מוטיגע קעמפערין פאר'ן בנות-אידעאל פרל. פעסא שייער צו איהר פערלאבונג מיט ה' גוטמארגען — דיין עתיד זאל בליהען ווי די אויפגעהענדע שטראהלען פון בנות אגודת ישראל.

צענטראלע בנות אגודת ישראל
אין פוילען

---

מזל טוב און פיל גליק ווינשען מיר אונזער זעהר חשובע מיטארבייטערין און געטרייע פריינדין פעסא שייער צו איהר תנאים מיט ה' גוט-מארגען.

רעדאקציע ב"י זשורנאל

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער געטרייע מיטארבייטערינס פעסא שייער (לאדז) און אסתר בארנשטיין (קראקא) צו זייער תנאים שרייבען.

שרה שענירער, לאצע וואטשאזש
קראקא חוה לאנדסבערג

---

הארציגע מז"ט וואונשען און גייסטיגע פערגעניגענס ווינשען מיר אונזער מיטארבייטערין פעסא שייער צו איהר תנאים מיט ה' גוטמארגען. ג-ט זאל עפענען פאר דיר זיין אוצר-הברכות און דו זאלסט זוכה זיין תמיד צו טראגען אונזער היסטארישער פאהן פון בית יעקב.

דאס פערסאנאל פון די למודי-קודש לעהרערינס אין די לאדזער ב"י שולען.

---

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער געליבטער פרל. שייער צו איהר פערלאבונג מיט ה' גוטמארגען. דיין צוקונפט זאל געבויט ווערען אין גייסט פון אונזערע אידעאלען.

פרוי קאליסקא און איהר
בלאשקי טאכטער פרוי קלוגמאן

---

צו דער פערלאבונג פון אונזערע געליבטע געוועזענע לעהרערין פרל. פעסא שייער מיט ה' יחיאל מאיר גוטמארגען, ווינשען מיר א ברכה'פולען מזל-טוב און פרישען מוט ווייטער צו פערשפרייטען אונזער הייליגען אידעאל צווישען אונזערע יודישע רעליגיעזע שוועסטערן.

בלאשקי בנות אגודת ישראל
פארז. מ. טרויבע

---

בילליגע, שעהנע און גוטע וועש-אויסארבייטונג:

**מעגער דאמען קינדער - וועש**

**איבערציגען**

קונסט-מאשין און אנד-שטיקנריי

פארואנגען, קאפען, סטארען, עטאמין און פילע.

קאנקורענץ-פרייזען צוגענגליכע בעדינגונגען

**M. REDLICH, ŁÓDŹ**

4 NOWOMIEJSKA 4

w podwórzu, lewa oficyna, II wejście, II piętro m. 43

בעמערקונג: עמפפעהלע גאנצע אויסשטייערס.

הארכיון היהודי

צו דער פערלאבונג פון דער לעהרערין פרל. שייער, ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און גליקליכע צוקונפט.

די פאמיליע בארנשטיין
אין בלאשקי

---

צו דער חתונה פון אונזערע ג' מיטגלידערינס פרל. הדסה בריללאנט; פרל. הילדה קאמינער, פרל. אסתר צאמבערג און צו דער פערלאבונג פון די ג' מיטגלידערין פרל. שרה אראנאוויטש און פרל. יעדוואב מיט ה' פאנטשיק (זד.-וואלע) ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און זאלען זיי ווייטער בויען זייער צוקונפט אין גייסט פון יעקב.

בנות אגו"י לעהרערין גליקסבערג
בלאשקי פארזיצ. מ. טרויבע

---

גליק און **מזל-טוב!** צופרידענהייט
עד מאה ועשרים שנה

ווינשען מיר די שטאלצע טרעגערין פון אונזער אידעאלער פאהן, מיטגלידערין פון אונזער צענטראל-ראט, פארזיצערין פון דער בלאשקער בנות מינדל טרויבע צו איהר חתונה מיט ה' בוכמאן, אין דיין הויז זאל זיך פעראייניגען תורה וגדולה און ריהען דער גייסט פון אגודת ישראל.

צענטראלע בנות אג"י אין פוילען

---

א הארציגען מז"ט ווינשען מיר די איבערגעגעבענע מיטארבייטערין פון אונזער זשורנאל מינדל טרויבע צו איהר חתונה מיט ה' בוכמאן.—דיין לאנגיעהריגער פריינדשאפט צו דער איינציגער ארט, פרויען-טריבונע בלייבט פעראייביגט אין אונזער זכרון. רעדאקציע ב"י זשורנאל

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין טייערען ברודער און ליבע שוועגערין (אין וויערזבניק) צום געבורט פון זייער טאכטער, זי זאל ארויסוואקסען א גדולה בישראל.

ווארשא יוטא גאלדקנאפף

---

דער אידעאלער און טעטיגער חברה פון אונזער צענטראל-ראט אסתר בארנשטיין (קראקא)—די בעסטע מז"ט ווינשען.

צענטראלע
בנות אגו"י אין פוילען

---

צו דער פערלאבונג פון אונזערע אייביג געדענקענדע לעהרערין פעסא שייער מיט ה' יחיאל מאיר גוטענמארגען, ווינשען מיר א הארציגען מז"ט און א אייביגע צופרידענהייט.

בנות מיטגלידערינס:
גיטעל אונגער, וואלד, נאכע קאפעל, ראקמאן, מאטעל בערקאוויטש, לעווקאוויטש.

---

בברכת מז"ט חמה מעמקי לבי אני מברכת לידידתי החביבה לי כנפשי מרת פעסה שייער לאירושה עם מר גוטמארגען, נ"י, תזרח מזלה כשמש בצהרים.

טומשוב המורה: ש. קאליסקא

---

פון טיפען הארצען ווינשען מיר מז"ט אונזער ליבער בנות-שוועסטער און פערוואלטונגס-מיטגלידערין רייזל צמח צו איהר פערלאבונג מיט ה' אברהם עזרא טאק. השי"ת זאל אייער צוקונפט מיט הימליש גליק בענשען.

גריצא פאמיליע ח. י. מרגליות
לעהרערין שידלאווסקא
בנות-אגודת-ישראל

Red. Lezer Gerzson Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50.